Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Yidn in Poyln

Bałaban, Majer
באלאבאן, מאיר

Ṿilne, 1930

I. ראשים און מנהגים פון די אַלטע טיפּן·

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8275

Visual Library

# I. ראשים און מנהיגים

(פון די אַלטע טיפּן)

טאָוול 1.



1. די מנורה פון דער אַלטער טורי־זהב־שול אין לבוב (לעמבערג), געגאָסן אין ברעסלוי אין דעם יאָר 1689 (שנת תמ"ט) און געשאָנקען פון דעם הויפּט־דאָקטאָר פון מלך סאָביעסקי — ד"ר שמחה מנחם מיונה.

טאָוול 2.



2. די פעסטונגסשול אין זשאָלקיעו פון דעם 17 יאָרהונדערט.



3. די אַלטע שול אין בעלז, וואָס איז אַמאָל געווען אַ פעסטונגסשול.

# שאול וואַהל, דער יידישער מלך אין פוילן

## (אמת און לעגענדע)

### I

מיט אַ יאָר 30 צוריק האָט אין אַ שולע אין לעמבערג פּאַסירט אַן אינטערעסאַנטער פאַל:

אַ יידיש מיידעלע איז געווען אויף דער לעקציע אומרויק און האָט געשטערט דעם לימוד; האָט איר די לערערין, אַלס שטראָף, געהייסן זיך שטעלן אין אַ ווינקל פון קלאַס. מיט טרערן אין די אויגן און שטאַרק אויפגערעגט האָט דאָס מיידעלע זיך אָנגערופן צו דער לערערין: דו האָסט נישט קיין רעכט מיך אַזוי צו באַהאַנדלען, ווייל איך בין אַ בת-מלך — אַ קעניגלעכע טאָכטער. מיין עלטער-עלטער-זיידע איז געווען דאָ אין פוילן אַ קעניג, ווען אייער עלטער-עלטער-זיידע האָט אפשר ביי אונז יידן געהייצט אין אויוון!

אין קלאַס איז אַנטשטאַנען אַן אויפרעגונג. די קריסטלעכע לערערין האָט באַקומען ספּאַזמעס און די גאַנצע זאַך איז געוואָרן איבערגעגעבן דער שול-אינספּעקציע.

דאָס איז דער וועג, אויף וועלכן איך בין צום ערשטן מאָל וועגן שאול וואַהל, דעם יידישן מלך אין פוילן, געוואָר געוואָרן, און זינט יענער צייט האָט מיך די פראַגע שטאַרק אינטערעסירט.

אָפטמאָל האָב איך מיר געשטעלט די פראַגע: „איז דאָס מעגלעך, אַז אין פוילן, אין לאַנד פון פריצים און קאַטאָליציזם, ווו אַ ייד איז תמיד געווען אַן „אומגלויביקער“, וואָס האָט נישט געטאָרט וווינען מחוץ פון דער יידישער גאַס, נישט געטאָרט האַנדלען מיט פאַרשידענע סחורות, נישט געטאָרט זיך ווייזן זונטיק אין די גוייִשע גאַסן — איז עס מעגלעך, אַז אין דעם פוילן, ווו מען וויל היינט נישט מאַכן אַ ייד

אַפילו פאַר אַ „וואָזשני״ — זאָל אַ ייד ווערן מלך, זאָל זיין אַפילו אויף איין טאָג אָדער אויף איין נאַכט?! און ווען איז ער עס געווען מלך, ווען האָט ער געלעבט, און ווען געקעניגט? מיר קאָנען דאָך די רשימה פון אַלע פוילישע מלכים, זייער צייט און זייער געשיכטע ליגט דאָך פאַר אונז, ווי אַ ספר פתוח! ס׳מוז דאָך פאָרט עפעס זיין אין דעם ענין, אַז די לעגענדע ציט זיך פון דורות, און עלטערן גיבן זי איבער זייערע קינדער און די קינדער פאַרפלאַנצן זי ווייטער?״

און די טראַדיציע איז דאָך נישט נאָר ביי אונז יידן. זוכנדיק שפעטער אין אַלטע ביכער, האָב איך געפונען, אַז דער פוילישער היסטאָריקער לעלעוועל שרייבט וועגן אַ לעגענדאַרן מלך אין פוילן אין די גאָר אַלטע צייטן, נאָך איידער די פּיאַסטן האָבן געהערשט אין דעם לאַנד, און וועגן דעם דאָזיקן מלך — ר׳ אברהם — האָט מיט גרויס התלהבות גערעדט אין דעם גאַליצישן סיים אונזער גרויסער פאַרטיידיקער סמאָלקאַ אין יאָר 1868, ווי ער האָט געשטרעבט צוצעברעכן די מיטלאַלטערלעכע באַגרענעצונגען און אויסקעמפן פאַר אונז יידן די גלייכבאַרעכטיקונג. אַלזאָ, ווייסן „זייערע״ חוקרים אויך פון אַ יידישן מלך, נאָר ביי זיי הייסט ער אַברהם, און ביי אונז שאול. דער זעלבער ענין, נאָר אַן אַנדער נאָמען. אָבער אויך מיט ביידע נעמען האָב איך נישט געוווּסט אין וועלכער צייט און אין וועלכן אָרט איך זאָל אָט דעם מלך אַריינפּאַסן אין דער פוילישער געשיכטע.

זוכנדיק ווייטער, האָב איך געזען, ווי דאָס איינציקע ווערק, וואָס האָט באַהאַנדלט די זאַך, איז געווען דאָס ספר: „גדולת שאול״, וואָס איז באַאַרבעט געוואָרן פון הירש עדעלמאַן און געדרוקט אין לאָנדאָן אין יאָר 1854.

אין דעם ספר, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן אויף באַשטעלונג פון רייכע מיטגלידער פון דער משפחה וואַהל און באַזונדערס פון דעניס מ. סאַמועל אין לאָנדאָן — האָט עדעלמאַן אָפּגעדרוקט עטלעכע נוסחאות פון דער לעגענדע, עטלעכע יחוס-בריוו און אַ היפּש בינטל בריוו פון גרויסע מענטשן אין דער פאָרם פון הסכמות, און אַזוי פאַר-שטאַרקט דעם גלויבן אין שאולס ממשלה. דאָס בוך האָבן געשווינד אויסגעקויפט די מיטגלידער פון דער משפחה און געהאַלטן אין דער היים, ווי אַ שטיק קדושה, איבערגעבנדיק עס קינדער און קינדס-קינדער.

און אַזוי איז די לעגענדע פאַרשפּרייט געוואָרן אין פאָלק און באַקומען פאַרשידענע נוסחאות. אין פאַרשידענע שטעט און לענדער פאַרשידנאַרטיק אויסגעבילדעט, אַז יעדע באָבע דערציילט אַנדערש, יעדער זיידע גיטצו זיינע אייגענע פרטים, אָבער אַלע זענען איינשטימיק, אַז שאול וואַהל איז געווען אַ מלך אין פוילן, לאַנג אָדער קורץ, אפשר נאָר איין מעת-לעת, אָדער אפשר נאָר איין נאַכט, אָבער פאָרט אַ מלך, און אויף זיין מלכות זענען זיינע אייניקלעך — די וואַהלס, וואָהלס, קאַצנעלנבויגנס קאַצנעלנפויגנס — זייער שטאָלץ.

דער אַלטער דור איז געווען מיט דעם ענין זייער צופרידן. ביי קינדער חתונה-מאַכן האָט דער יחוס שטאַרק גענוצט און ווען איינער האָט נישט געוואָלט גלויבן אין דער לעגענדע, האָט מען אים גערופן אין דער לויפּער-שול אין לובלין, ווו ביז היינט ווערן די הקפות און עליות אום שמחת-תורה פאַרטיילט „ברשות השר ר׳ שאול וואַהל!״

דעם יונגן דור איז די מעשה נישט געווען אינגאַנצן קלאָר. דער יחוס איז זיי טאַקע געווען געוווּנשן, אָבער מיט דער פוילישער געשיכטע איז עס געווען אין סתירה, וואָס זיי האָבן זיך נישט געקענט אויסגלייכן: אַ ייִד אַ מלך אין פוילן? איז דאָס מעגלעך? אפשר האָבן זיך די פריצים געמאַכט אַ וויץ מיט אַ ייִדן, ווי ס׳איז שוין זייער שטייגער — און האָבן אים אויף אַ קאַטאָוועס אַרויפגעזעצט אויף דעם קעניגלעכן טראָן? און אפשר איז ער גאָר קיין מלך נישט געווען, נאָר אַן עבד מלך (עבד מלך — מלך)?

מיט דעם איינפאַל איז צו מיר אַן ערך מיט 20 יאָר צוריק געקומען איינער פון די אייניקלעך פון דער שטאַרק פאַרצווייגטער משפחה. איך בין אַקוראַט דעמאָלט געזעסן פאַרטיפט אין אַלטע אַקטן. פלוצלינג מאַכט זיך אויף די טיר און עס קומט אַריין אַ הויכער שיינער מאַן מיט אַ שוואַרצער לאַנגער באָרד און מיט אַ גרויסער טעקע אונטער דעם אָרעם און שטעלט זיך פאָר מיט אַ הויך קול: „איך בין שאול וואַהל!״.

איך בין פון דעם קול און פון דער אימפּאָזאַנטער געשטאַלט נתפעל געוואָרן און איך האָב שוין געוואָלט זאָגן דעם פסוק: „ברוך מחיה מתים״. נאָר דער אַריינגעקומענער האָט אָנגעהויבן ווייטער דעקלאַמירן זיין פיזמון: „איך בין אַ מאָלער און ווױן אין פעטערבורג, אַ גאַנץ לעבן זאַמל איך דאָקומענטן וועגן מיין גרויסן זיידן. מיינע אבות און אבות-אבותי האָבן געמיינט, אַז „ער״ איז געווען אַ מלך אין

פוילן. דאָס איז נישט אמת, ער איז נאָר געווען אַ הויף־דינער ביי דעם קעניג, און וועגן דעם פיר איך קאַמפן מיט מיינע קרובים״. אין גרויס אויפרעגונג האָט ער געזאָגט די דאָזיקע ווערטער.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען די אויפרעגונג פון פרעמדן און שטילערהייט אים געפרעגט, וואָס ער וויל פון מיר. מיין גאַסט האָט אויפגעעפנט דעם גרויסן אַקטן־טאַש, אַרויסגענומען פון אים פאַרשידענע פאַפירן און אָנגעהויבן לאַנגזאַם מיט כּוונה יעדעס איינציקע פאַר־צולעזן. זעענדיק, אַז די זאַך וועט נישט נעמען קיין סוף, האָב איך אים געבעטן מיר בקיצור צו ערקלערן די סיבּה פון זיין קומען. און אַזוי בין איך געוואָר געוואָרן, אַז „לויט זיין מיינונג האָט דער פוילישער מלך זיינע הויף־דינער אויסגעוויילט נאָר צווישן די פּריצים, און יעדערער, וואָס איז נישט געווען קיין פּריץ, איז טאַקע דורך דער באַשטימונג אַליין געוואָרן אַ שלאַכציץ, אַ שר! און אין רוסלאַנד איז דאָ אַ זאַקאָן, — האָט מיר ווייטער ערקלערט מיין גאַסט — אַז וועמענס אבות זענען געווים שרים, דער קאָן באַקומען רוסישן אַדעל (שלאַכעצטוואָ), און דאָס וויל איך פון דעם קייזער, און דערצו באַדאַרף איך אַ פעסטן יחוס־בריוו״.

מיינע ערקלערונגען, אַז ער איז אין טעות, ווייל אַ סך יידן זענען געווען הויף־דינער און קיינער איז נישט געוואָרן קיין שליאַכציץ, האָבן נישט געווירקט און מיין גאַסט איז אַוועק שטאַרק אויפ־געגעגט, און איך האָב אים שוין מער נישט געזען. ווי זיין ברודער האָט מיר אַ לאַנגע צייט שפּעטער מיטגעטיילט, איז ער געשטאָרבן אין קראָקע און זיינע פאַפירן זענען ערגעץ פאַרלאָרן געגאַנגען.

דער פעטערבורגער מאָלער איז געווען איינער פון די וואַהלס, וואָס קלערן־אַריין אין דעם ענין פון זייער גרויסן זיידן און זוכן און נישטערן אין ביבליאָטעקן און אַרכיוון, כּדי צו ווייזן זייער יחוס.

אָבער נישט נאָר איינציקע זוכן־אַרום אין די אַרכיוון: דער ענין האָט אין די לעצטע יאָרן פון דעם 19־טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן צו אינטערעסירן פאַך־היסטאָריקער און אין איין צייט זענען וועגן שאול וואַהל געשריבן געוואָרן צוויי גרויסע אַרבייטן: איינע אין פ ו י ז ן, די אַנדערע אין פ ע ט ע ר ב ו ר ג. אין יאָר 1888 האָט דער פאַרשטאָרבענער פויזנער ראַבינער ד״ר פיליפ בלאָך באַאַרבעט אַ אינטערעסאַנטן אַרטיקל אין דער „צייט־שריפט דער היסטאָרישן געזעלשאַפט פיר די פראָווינץ פאָזען״

און אין אַ יאָר שפּעטער האָט באַאַרבעט דאָס זעלבע טעמע פּראָפ. בערשאַדסקי אין „וואָסכאָד“ (1889).

בלאָך האָט קיין קוועלן נישט געהאַט און האָט זיך נאָר באַגנוגנט מיט אַ ראַציאָנאַליסטישער אויפקלערונג פון דער לעגענדע. בערשאַדסקי האָט שוין אַריינגעקוקט אין די אַקטן און ער האָט צום ערשטן מאָל אין דער היסטאָרישער ליטעראַטור געגעבן אַ בילד (כאָטש זייער אַ שוואַכס) פון דעם אמתדיקן שאול וואַהל.

ווייטערדיקע פאָרשונגען אין פאַרשידענע אַרכיוון האָבן אונז געמאַכט מעגלעך דעם ענין נאָך מער צו באַלייכטן, און כאָטש ס׳איז נאָך זייער ווייט פון פעסטשטעלן די גאַנצע געשטאַלט פון שאול וואַהל אין יעדן פּרט, — האָבן מיר דאָך היינט פאַר די אויגן אַ בילד פון דעם העלד פון דער שיינער קעניגלעכער לעגענדע און מיר הויבן-אָן צו פאַרשטיין, וואָס איז אין דעם גאַנצן ענין אמת און וואָס — פאַנטאַזיע.

II

## די לעגענדע

א) שאול איז געווען אַ זון פונם באַוווסטן רב ר׳ שמואל-יהודה קאַצנעלנבויגן אב״ד אין פאַדוואַ, און ווי עס איז יעדן באַוווּסט, האָט ער באַקומען דעם נאָמען וואַהל, ווייל ער איז געוועהלט געוואָרן אַלס מלך אין פוילן. באַקומען האָט ער ביי דער וואַל אַלע שטימען פון די פּריצים.

עס איז פאָרגעקומען אַזוי:

„ר׳ שאול איז געווען ביי די פּריצים זייער באַליבט און געשעצט, ווייל ער איז געווען געלערנט און זייער קלוג. אין יענער צייט איז פּלוצלינג געשטאָרבן דער מלך פון פוילן און די פּריצים האָבן געזאָלט צוטרעטן צו וויילן זיין נאָכפאָלגער. עס איז פאַראַן אָבער אין דעם לאַנד פוילן אַ חוק, אַז בעת מ׳גייט וויילן, באַשטימט מען אַ פעסטן טאָג, אַ וואַל-טערמין, וואָס מען טאָר אים בשום אופן נישט אָפּלייגן. ויהי היום און עס זענען זיך צוזאַמענגעפאָרן פּריצים מארבע פנות פוילן און האָבן אויפגעשטעלט זייערע געצעלטן אויף דעם וואָליער פעלד

אַן ערך 4 וויאָרסט פון דער שטאָט וואַרשע *) און האָבן אָנגעהויבן זיך צעשמועסן וועגן די קאַנדידאַטן. און עס איז געוואָרן מיטאָג-צייט, און עס איז געוואָרן אָוונט און זיי האָבן נישט געקאָנט דורכקומען צווישן זיך און עס איז אויף זיי געפאַלן אַ שרעק, אַז זיי זאָלן חלילה נישט עובר זיין אויף דעם חוק בנוגע דעם יום-המוגבל (פעסטגעזעצטן טאָג). און ווי די נאַכט האָט אָנגעהויבן צוצופאַלן, האָבן זיך די פּריצים געאייניקט אויף דערווייל צו באַשטימען ר׳ שאולן פאַר אַ מלך, ביז מ׳וועט קאָנען וויילן דעם ריכטיקן. ויהי כן. מען האָט גערופן ר׳ שאולן, אים אַרויפגעזעצט אויף דעם פּוילישן טראָן און אַלע פּריצים און גלחים האָבן אים אָפּגעגעבן דעם גרויסן כבוד און געשריגן בקול רם בלשון פּוילן: יחי המלך, עס לעבע דער קעניג! און מען האָט באַלד געבראַכט דעם גרויסן ספר הקיומים, ד. ה. דאָס ספר פון די פּריווילעגיען, און ר׳ שאול האָט טאַקע באַלד מיט זיין אייגענער האַנט איינגעשריבן פאַר-שידענע דעקרעטן לטובת היהודים.

„אַזוי איז אַוועק די נאַכט, די פּריצים האָבן געגעסן און געטרונקען און ר׳ שאול האָט געשריבן און געחתמעט. אין צווייטן טאָג אינדערפרי זענען די פּריצים דורכגעקומען און געוויילט דעם ריכטיקן מלך און ר׳ שאול איז אָפּגעטרעטן און צוריק געוואָרן אַ שר בישראל".

ב) פרעגט זיך אַ קשיא, פון וואַנען קומט אַ ייד אין פּוילן צו אַזאַ כבוד און פון וואַנען קומט ר׳ שאול בכלל קיין פּוילן, ווען זיין פאָטער איז געווען רב אין פּאַדוואַ און אין ווענעדיק?

„די מעשה איז געווען אַזוי: ר׳ שאול איז געווען אַ טשיקאַווער יונגערמאַן און האָט געהאַט חשק צו זען פרעמדע לענדער און באַקענען זיך מיט זייערע מנהגים. האָט ער געוואַנדערט איבער באַרג און טאָל, ביז ער איז געקומען אין דער ליטע אַריין און זיך באַזעצט אין בריסק. דאָ האָט ער חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון ר׳ דוד דרוקער, און געלעבט מיט זיין ווייב און קינדער בדחקות. עס האָט זיך אין יענער צייט געטראָפן, אַז דער רייכסטער פּריץ פון לאַנד, דער פירשט ראַדזיוויל, האָט געמאַכט אַן עליה קיין ארץ-ישראל, כדי דאָרט אויף די

*) היינט די וואָליער גאַס (וואָליער ראָגאַטקעס) אין וואַרשע.

קברים פון די הייליקע צו בעטן מחילה פאַר זיינע זינד. אַהיים פון דאָרט איז ער געפאָרן איבער איטאַליע און אונטערוועגנס האָט אים אויסגעפעלט געלט. כּדי נישט צו ווערן פאַרשעמט פאַר זיינס גלייכן, איז דער פירשט נישט געגאַנגען צו קיין פריץ, נאָר צום רב, און האָט אים פאָרגעשטעלט זיין פאַרלעגנהייט. מיט גרויס חשק האָט ר׳ שמואל־יהודה געליען דעם פירשט אַ גרויסע סומע געלט און נישט געוואָלט אַפילו הערן פון אַ דאַנק. ביים אַוועקגיין האָט ראַדזיוויל געפרעגט דעם רב, צי האָט ער נישט עפעס אַ קרוב אין פוילן, און הערנדיק, אַז דאָרט לעבט דעם רבס אַן אייגענער זון, האָט ער זיך זיין נאָמען אויפגעשריבן און טאַקע אָן אים נישט פאַרגעסן. קומענדיק קיין בריסק, האָט ער געלאָזט צו זיך רופן דעם יונגגמאַן און האָט אים אָפּגעשיט מיט כּל טוב. פון דער צייט הויבט זיך אָן דאָס גליק און דער איינפלוס פון ר׳ שאולן, וואָס ברענגט אים אַרויף ביז אויף דעם קעניגלעכן טראָן”

ג) „אָבער אַז אַ ייד איז אַן עושר און אַ חשוב ביי פריצים און אַפילו ביי דעם מלך, מוז ער האָבן שונאים און אַזוי איז אויך געווען מיט ר׳ שאולן. בריסקער יידן האָבן אים שטאַרק מקנא געווען און האָבן געזוכט מיטלען, ווי אַזוי אים צו שאָדן. קיין מסירות האָבן נישט געהאָלפן און געשעפטן האָט מען אים אויך נישט געקאָנט אויסדינגען, דערפאַר איז די קנאה און שנאה נאָך מער געוואָקסן און האָט שיער געבראַכט צו אַן אומגליק. די שונאים האָבן געוווּסט, אַז ר׳ שאול האָט אַ שיינע טאָכטער און האָבן געגעבן דערפון צו וויסן די קעניגלעכע דינער, וואָס האָבן פאַר דעם מלך — וועלכער איז געווען אַן אַלמן — געזוכט אַ פּאַסיקן שידוך.

חנה — אַזוי האָט דאָס מיידל געהייסן — איז זיי זייער געפעלן, און אַ בת־מלך איז זי דאָך אויך געווען, איז טאַקע באַלד באַשטימט געוואָרן די נאַכט, ווען מען זאָל זי מיט געוואַלד אַוועקנעמען פון דעם טאַטנס הויז און ברענגען אין דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ קיין וואַרשע.

אַ באַפריינדטער פריץ האָט אָבער אָן דעם אַלעמען צו וויסן געגעבן ר׳ שאולן און ער האָט דעריבער באַשלאָסן תּיכּף דאָס מיידל חתונה צו מאַכן, פאַרשטייענדיק, אַז אַן אשת־איש וועט מען נישט וואַגן צו געבן דעם קעניג פאַר אַ ווייב. נאָר ווי נעמט מען אויפן אָרט

אַ חתן? אין יענער צייט איז געווען בריסקער רב דער באַוואוסטער גאון ר׳ זלמן שור, דער בעל מחבר פון ספר „תבואת שור״, אַ ייד פון זעכציק יאָר, וואָס איז טאַקע אַקוראַט געוואָרן אַן אַלמן. דעם דאָזיקן רב האָט ר׳ שאול מגלה געווען דעם סוד און האָט אים באַשווירן מיט דעם מיידל ווי אַמגיכסטן חתונה צו האָבן. דער רב האָט ממלא געווען דעם ווילן פון ר׳ שאולן און זוכה געווען מיט זיין יונג ווייב צו האָבן אַ זון, וואָס איז געוואָרן אַ בן-תורה און אַ גדול בישראל״.

*

דאָס איז בקיצור דער אינהאַלט פון דער לעגענדע, אַזוי ווי זי איז געוואָרן אויפגעצייכנט אין אָנפאַנג פון אַכצנטן יאָרהונדערט דורך דעם לייפניקער רב. ווי באַוואוסט, בלייבט אַ לעגענדע קיינמאָל נישט שטיין, נאָר זי אַנטוויקלט זיך ווייטער און ווייטער; יעדער דערציילער, יעדער זיידע און יעדע באָבע פאַרשענערט זי און בויט זי אויס און גיט איר צו אייגענע און פרעמדע מעשיות, פאַרענטפערט פאַרשידענע קשיות און פאַרקניפּט די לעגענדע מיט אַ סך אַנדערע, וואָס ווערן דערציילט אין פאַרשידענע ערטער וועגן פאַרשידענע מענטשן.

דאָס מזל פון אַלע לעגענדעס האָט געהאַט אויך די לעגענדע וועגן ר׳ שאול וואַהל. קוים איז זי אַרויס איינמאָל פון די גרענעצן פון נאַטירלעכן שכל און מען האָט אויפגעהערט זיך צו רעכענען מיט דעם היסטאָרישן אמת און מיט די היסטאָרישע מעגלעכקייטן, האָט מען שוין געקאָנט ווייטער און ווייטער דערציילן נסים ונפלאות, און וואָס מער וווּנדערלעכער און אומגלויבלעכער די מעשה איז געוואָרן, אַלץ שענער איז זי געווען, אַלץ בעסער האָט זי געפּאַסט פאַר דעם המון, אַלץ אָנגענעמער איז זי געווען פאַר די אייניקלעך פון „פּוילישן מלך״.

און אַזוי וויל איינער ערקלערן, פון וואַנען קומט עס עפּעס, אַז דער פירשט ראַדזיוויל זאָל וועלן עולה רגל זיין קיין ארץ-ישראל, און דערציילט אַ לאַנגע מעשה וועגן פירשטס גרויסע חטאים און וועגן זיין תשובה אויף דער עלטער. דער אַנדערער ווייסט גאָרנישט פון דער עליה, נאָר דערציילט, אַז ראַדזיוויל איז געפאָרן צום פּויפּסט קיין רוים

און פון דאָרט גלייך געקומען קיין פּאַדוואַ. אויך די סצענע ביים רב ווערט פאַרשידן פאָרגעשטעלט. אייניקע דערציילן, אַז דער פירשט איז געקומען צום רב אין בגדי מלכות, דאָס יעדער האָט געקאָנט זען, אַז ער איז אַ גרויסער פּריץ. אַנדערע דערציילן, אַז ראַדזיוויל איז געשטאַנען ביים רבס הויז אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן (ער איז דאָך געווען אַ בעל-תשובה), נאָר ווי דער ווינט האָט אַוועקגעבלאָזן זיין שמוציק העמד, האָט ר׳ שמואל-יהודה דערזען אויף דעם בלויזן האַרץ אַ טייערן צלם און האָט תיכף דערקענט, אַז דאָ איז פאַרבאָרגן אַ גרויסער פּריץ.

נאָך אַנדערע פאַרבינדן די באַגעגענונג מיט דעם פירשט ראַדזיוויל מיט אַ מעשה וועגן עלילת-דם און דערציילן, אַז דער רב האָט אויסגענוצט זיין באַזוך, כּדי אים צו באַווייזן, אַז יידן באַדאַרפן נישט קיין בלוט. אויך די מעשה מיט דער טאָכטער ווערט דורך פאַרשידענע מענטשן אַנדערש דערציילט און אַפילו איר נאָמען איז נישט ביי אַלע גלייך: ביי איינעם הייסט זי חנה, ביים אַנדערן הינדעלע אָדער גאָר הענעלע. און אַזוי וואַקסט די לעגענדע אין דער לענג און אין דער ברייט, און ווער ווייסט, ווי ווייט זי וועט נאָך אויסוואַקסן אין די ווייטערע דורות און ווי אַזוי זי וועט אויסזען נאָך הונדערטער יאָרן.

די געשיכטע טאָר אָבער נישט וואַרטן ביז די לעגענדע וועט זיך אויסבויען. געשיכטע און לעגענדע — אמת און פאַנטאַזיע — זענען זיך די גרעסטע שונאים און וואָס מער די לעגענדע גייט אַוועק פון אמת, פון דער ריכטיקער צייט און פון דעם ריכטיקן אָרט, שטרעבט דער געשיכטע-שרייבער די מעשה צוריק צו פירן אַהין, פון וואַנען זי איז אַרויסגעקומען, זי געגנוי חוקר ודורש צו זיין, אָפּרייסן פון איר די פאַלשע צווייגן, וואָס זענען אויף איר אויפגעוואָקסן במשך פון יאָרן און אַ דאַנק דער פאַנטאַזיע פון הונדערטער מוחות, און זי פאָרשטעלן אַזוי ווי זי איז געווען באמת, אויף דעם אָרט ווו זי האָט פּאַסירט און אין דער צייט, ווען זי האָט פּאַסירט.

פאָרשנדיק די מעשה פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט, פרעגן מיר: 1) האָט באמת געלעבט אַ שאול וואַהל? 2) און אויב ער האָט יאָ געלעבט, וואָס איז ער געווען? 3) ווו און ווען האָט ער געלעבט? 4) איז ער געווען אַ מלך? 5) ווי איז דער אמת מיט דעם פירשט ראַדזיוויל? 6) און וואָס פאַר אַ ווערט האָט דער ספר „גדולת שאול״?

## III

# די היסטאָרישע געשטאַלט

עס זענען פאַראַן צוויי העברעישע מקורות פון דער דאָזיקער צייט און פון ר׳ שאולס לעבן, אין וועלכע זיין נאָמען ווערט דערמאָנט: איין קוועלע איז אַ בריוו פון דעם באַוווּסטן רב און שריפטשטעלער ר׳ יהודה-אַריה פון מודינא צו ר׳ פינחס הורוויץ אין קראָקע, און די צווייטע איז אַ טאָוול, וואָס איז געווען אָנגעשלאָגן אין דער ווייבער-שול אין בריסק, איידער ניקאָלאַי דער ערשטער האָט געלאָזט די שול חרוב מאַכן, כּדי אויף דעם אָרט צו בויען די פעסטונג. אינם בריוו ווערט ר׳ שאול אָנגערופן: „הנשיא כמו״ה שאול קצינאַלבוגין״ און אויף דעם טאָוול הייסט ער: „הקצין מ׳ שאול בן הגאון מ׳ שמואל יהודה מפדווא״.

אין די מלוכהשע קוועלן, ד. ה. אין די פאַרשידענע אַקטן, וואָס מיר האָבן זיי פון יענער צייט, הייסט ער פשוט: שאול יודיטש. דאָס איז אַ זון פון יהודהן, ערשט זיין זון — דער בריסקער רב — שרייבט זיך: מאיר וואַהל. ר׳ שאול קאַצענעלענבויגן איז אַ זון פונם פאַדוואַנער רב, ר׳ שמואל-יהודה און אַן אייניקל פון ר׳ מאיר פאַדוואַ. דער דאָזיקער זיידע ר׳ מאיר איז געווען אַ דייטשער ייד (געשטאַמט פון דער שטאָט קאַצנעלענבויגן אין נאַסאַו), וואָס האָט זיינע יונגע יאָרן פאַרבראַכט אין פוילן אין די גרעסטע ישיבות און האָט ערשט שפּעטער אויסגעוואַנדערט קיין איטאַליע און דאָרט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פונם פאַדווער רב ר׳ אַברהם הלוי מינץ און איבערגענומען נאָך דעם שווערס טויט דאָס פאַדוואַנער רבנות.

נאָך ר׳ מאירס טויט איז געוואָרן רב אין פאַדוואַ זיין זון ר׳ שמואל-יהודה, וועלכער איז געזעסן על כּסא הרבנות ביז צו זיין פּטירה בשנת שנ״ז לפ״ק, ד. ה. 1597.

ווי מיר זען, איז אין דער משפחה קאַצנעלענבויגן דאָס לאַנד פוילן מיט זיינע ישיבות געווען גוט באַוווּסט; קיין וווּנדער נישט, אַז ר׳ שמואל-יהודה האָט זיין זון געשיקט קיין פוילן. ר׳ שאול איז אויך נישט געווען דער איינציקער אין זיין צייט, וואָס האָט זיך געלאָזט אין

דעם דאָזיקן לאַנד. מיר זען אין יענע יאָרן אַ גאַנצע וואַנדערונג פון איטאַליענישע און טערקישע (ספרדישע) יידן קיין פוילן. עס וואַנדערן דאָקטוירים, סוחרים, וועלכע בילדן גאַנצע קהלות אין קראָקע און לעמבערג. אַלע לייב-דאָקטוירים פון די פוילישע מלכים (ר׳ שלמה אַשכּנזי, ר׳ שלמה קליפּארי וכו׳) און פון פוילישע פּריצים (יש״ר מקאנדיא) שטאַמען פון די דרום-לענדער, און אין זאַמאָשטש אַנטשטייט אונטערן שוץ פונם באַוווּסטן פּוילישן מאַגנאַט און מיניסטער יאַן זאַמאָיסקי אַ היפּשע ספרדישע קאָלאָניע, וואָס פירט אַ לעבעדיקן מסחר מיט גריכישן ווײַן און גריכישע פּרות. מיט אַ סך אַנדערע ספרדים האָט אַלזאָ גע- וואַנדערט נאָך פוילן דער יונגער ר׳ שאול און איז געקומען קיין בריסק, ווּ ס׳איז אין יענער צייט געווען די גרעסטע יידישע קהלה אין ליטע און אויך די גרעסטע ישיבה. די פּרטים פון זיין ווייטערן לעבן זענען אונז ביז היינט נאָך אומבאַקאַנט. דאָס ווייסן מיר אָבער יאָ, אַז ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון ר׳ דוד דרוקער (געהייסן האָט זי דבורה) און געהאַט מיט איר 11 קינדער.

ווי ס׳זעט אויס, איז ר׳ שאול נישט לאַנג געבליבן ביי דער גמרא, ער האָט זיך באַלד גענומען צום מסחר און דערצו אויף דעם גרויסן שטייגער. אין דער ליטע איז פון לאַנג געווען אַ טראַדיציע פון גרויסע יידישע סוחרים, מוכסנים און חוכרים פון שטייערן, ראָגאַטקעס, מינץ וכו׳. אין דער צייט פון קעניג זיגמונט דעם ערשטן (1548–1506) איז אַ ייד אברהם בן יוסף (יעזאָפּאָוויטש) געווען הויף-באַנקיר און נאָך זיין שמד אַפילו פינאַנץ-מיניסטער. זיין נישט-געשמדטער ברודער, מיכאל בן יוסף, איז אויך געווען הויף-באַנקיר, און בימי זיגמונט אויגוסט איז דער ייד ר׳ אברהם בראָדאַווקאַ געווען דער אונטערנעמער און פּעכטער פון דער ליטווישער מינץ.

אַזאַ גרויסער סוחר איז געווען אונזער ר׳ שאול, זיינע געשעפטן מיט פּריצים און מיט דער מלוכה זענען געווען באַקאַנט. די ליטווישע מלוכה-אַקטן זענען פול מיט פאַרשידענע קאָנטראַקטן, וואָס ער האָט געמאַכט אויף וועלדער, זאַלץ, צאָל, ראָגאַטקעס א. אַז. וו. אינם יאָר 1578 האָט מען אין דער ליטע אויפסניי אָנגעהויבן צו קאָכן זאַלץ, די זידערײַ איז געווען אין דער שטאָט קעידאַן און ר׳ שאול איז געווען דער גאַנצער אונטערנעמער דערפון. זיינע שרייבערס זענען געזעסן אין

דער פאַבריק און געלאָזט דאָס זאַלץ פאַקן אין פעסער און פירן מיטן בוג און מיט דער ווייסל ביז וואַרשע, טאָרן און דאַנציק. דאָס געשעפט האָט ר׳ שאול געהאַלטן צוויי יאָר, ווייל דעם 20־טן מערץ 1580 האָבן עס געדונגען דריי אַנדערע בריסקער יידן.

זייענדיק אַ פאַכמאַן אין זאַלץ, נעמט זיך ר׳ שאול צו די באַרימטע זאַלץ־גרובן אין וויעליטשקאָ לעבן קראָקע. די הכנסה האָט געהערט צו דעם קראָקעווער וואָיעוואָדע פיאָטר זבאָראָווסקי און פון זיין האַנט האָט דאָס געשעפט געפירט דער ייד יונה, אַן איידעם פון דעם באַוווסטן לייב־אַרצט פון דער קעניגין באָנאַ — ר׳ שמואל בן משולם. ר׳ שאול איז צוגעטראָטן צום דאָזיקן געשעפט אַלס אַ שותף און האָט עס אַנטוויקלט אויפן גרויסן שטייגער. די פראָדוקציע פונם זאַלץ איז געווען אין זיינע הענט אַזוי ביליק, אַז ס׳האָט זיך געלוינט די סחורה צו פירן קיין סטענזשיץ מיט דער ווייסל און פון דאַנען מיט פערד קיין בריסק אין די ליטווישע מאַגאַזינען. פאַר זייער טרחה האָבן די שותפים גענומען 20 גראָשן פון 15 פעסער. זיצנדיק אין קראָקע (וויעליטשקאָ האָט נישט געהאַט קיין קהלה), האָט ר׳ שאול נישט פאַרנאַכלעסיקט זיינע אַלטע בריסקער געשעפטן, און האָט ווייטער אַרענדירט אַלע הכנסות פון דעם בריסקער סטאַראָסטע, ווי, למשל, די הכנסות פון די ראָגאַטקעס, פון די טייכן, מילן, די פראָפּינאַציע פון בראָנפן, ביר, וויין א. אַז. וו. אין דעם אַרענדע־קאָנטראַקט פונם 11־טן פעברואַר 1588 שרייבט דער מלך זיגמונט דער דריטער די ווערטער:

„אויף עמפפעלונג פון אונזערע גרויסע פריצים און וואָיעוואָדעס, וואָס האָבן שטאַרק געלויבט די ערלעכקייט פונם בריסקער ייד שאול יודיטש, וואָס האָט אין דער צייט פון דער מלוכה פון אונזערע גלאָררייכע פאָרגייער אויף דעם פויליש־ליטווישן טראָן מיט זיין שכל, זיין רעכטשאַפנהייט און זיין פעיקייט אַ סך געלד איינגעבראַכט דעם מלוכה־אוצר, בפרט אין צאָל־ און ראָגאַטקעס־ענינים... און צום דאַנק פאַר דעם געבן מיר אים איבער (פאַרפאַכטן) אויף 10 יאָר די הכנסות פון אונזער שלאָס אין בריסק...”

די פראַקטישע דורכפירונג פון די גרויסע געשעפטן האָט פאַרלאַנגט אַ סך קאָפּ און אַ סך טאַקט, בפרט נאָך, אַז ר׳ שאולס שרייבערס און קאַסירערס, ווי אויך אַלע מתעסקים זענען געווען יידן און די

צאָלערס זענען מיינסטנס געווען גוים און אַפילו פריצים. אַלע מאָל זענען אויסגעבראָכן סיכסוכים צווישן זיינע אָנגעשטעלטע און פאַרשידענע פריצים, און אין בריסק אַליין האָט זיך ר׳ שאולן אַנטקעגנגעשטעלט דער ביסקופ פון לוצק, וואָס האָט געהאַט צו זאָגן בעניני דת און האָט געשטערט די קריסטן צו קויפן בראָנפן אין דער פראָפינאַציע און צו צאָלן מכס אויף די ראָגאַטקעס און ביי די שטאָט־טויערן. ר׳ שאול האָט געהאַט מיט דעם גלח אַ סך צרות, און זיין שותף צום געשעפט, אַ געוויסער ר׳ יוסף, האָט נאָך מער דערפון געליטן. תמיד האָט זיך אָבער ר׳ שאול געקאָנט געבן אַן עצה, זיין איינפלוס ביי די הויכע פריצים איז געווען גאָר גרויס, הגם ס׳האָט זיך דאָ געהאַנדלט וועגן קעניגלעכע הכנסות, און דערפאַר האָט ער מיינסטנס געוווּנען די פראָצעסן און איז געוואָרן נאָך אַ גרעסערער תקיף. דער קעניג סטעפאַן באַטאָרי (1576—1586) האָט אים הויך געשעצט, און זיין נאָכפאָלגער זיגמונט III, וואָס איז דווקא נישט געווען קיין אוהב־ישראל, האָט זיך מיט אים תמיד באַדינט און האָט אים געגעבן דעם העכסטן טיטל, וואָס אַ ייד אין יענער צייט האָט געקאָנט דערגרייכן, דאָס הייסט דעם טיטל פון אַ הויף־פאַקטאָר אָדער אַ הויף־דינער. דער דעקרעט איז, פונקט ווי אַנדערע וויכטיקע דאָקומענטן און פריווילעגיעס, אַריינגעשריבן געוואָרן אין דער אַזוי־גערופענער „ליטווישער מעטריקע”, וואָס געפינט זיך ביז היינט אינם מלוכה־אַרכיוו אין ווילנע און פון וואַנען מען האָט אים איבערגעדרוקט אין דעם I באַנד פון די „אַקטי יוזשנאָי אי זאַפאַדנאָי ראָסיִי” נומער 190. אין דעם דעקרעט, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 7־טן יוני 1589, שרייבט דער קעניג מיטן אַמאָליקן מליצה־סטיל אין דער קליינרוסישער שפראַך: „...ווייל מיר האָבן געזען די געטרייע אַרבעט און דעם גאָר זעלטענעם פלייס פון אונזער אונטערטאַן (פּאָדדאַני) דעם בריסקער יידן שאול יודיטש, געבן מיר אים דעם טיטל: אונזער דינער, ער זאָל זען אונזער גרויס חסד אַקעגן זיך. גלייכצייטיק באַפרייען מיר זיין אייגענע פערזאָן, ווי אויך אַלע זיינע גיטער און זיין גאַנץ פאַרמעגן פון דער יוריסדיקציע פון אַלע פריצישע, שטעטישע און דאָרפישע באַאַמטע, אָן אַ שום חילוק ווו זיי זענען און צו וועלכן שטאַנד זיי געהערן... פון די אַלע באַאַמטע האָבן מיר אים און דאָס זייניקע מיט דעם דאָזיקן בריוו באַפרייט און פריי־געמאַכט,

און אָט טאַקי באַפרייען מיר אים און מאַכן אים אומאָפּהענגיק ביז צו זיין טויט, ד. ה. אַז ער האָט נישט קיין שום פליכט צו שטיין אָדער תשובה צו געבן בנוגע קיין שום זאַך, הן אַ גרויסע הן אַ קליינע, הן בדיני ממונות הן בדיני קנסות. פאַר קיין שום פערזאָן און פאַר קיין שום ריכטער אין קיין שום שטאָט און אין קיין שום פּראָווינץ. — מען טאָר אויך זיין פאַרמעגן און זיינע זאַכן, זיינע הייזער און זיין געלד נישט פאַרהאַלטן אָדער משכונען און ער אַליין טאָר אויך פון קיינעם נישט אַרעסטירט אָדער פאַרהאַלטן ווערן, געריכטעט אָדער געשטראָפט ווערן, נאָר פאַר אונז אַליין זיין האָספּאָדאַר (מלך) האָט ער דעם חוב אָפּצוגעבן דין-וחשבון פון זיינע מעשים און נאָר פאַר אונזער בית-דין איז ערלויבט אים צו רופן" א. אַז. וו.

* *
*

דאָס איז דער דעקרעט צו ר' שאולן, און דאָס איז דער יחוס-בריוו, אויף וועלכן עס פאַררופן זיך זיינע אייניקלעך. באַטראַכטנדיק דעם דאָזיקן קעניגלעכן בריוו, און פאַרגלייכנדיק זיין אינהאַלט מיט ענלעכע בריוו פון יענער צייט, זעען מיר באַלד, אַז דער דאָזיקער בריוו איז גאָר קיין אויסנאַם נישט. נאָך אין דער צייט פון זיגמונט I האָבן באַקומען ענלעכע פּריווילעגיעס די באַוווסטע הויף-באַנקירן און מוכסנים: ר' אברהם פון פּוהם (בעמען), ר' אפרים פישל בן משה, די לאַנד-רבנים: ר' משה בן אפרים פישל און ר' שלום שכנא, און אין דער צייט פון דעם מלך זיגמונט אויגוסט און באַטאָרי: דער יובילער ר' יעקב עזרא אין קראָקע, ר' יצחק בן נחמן אין לעמבערג א. אַז. וו. און אין אַלע פּריווילעגיעס שטייט דער זעלבער נוסח, אַז דער קעניג באַפרייט דעם ייד פון דער געריכטסבאַרקייט פון אַלע שופטים און פאַרבאָט אַנצורירן זיין פאַרמעגן.

דערפון איז צו זען, אַז די פּריווילעגיע, וואָס איז אין יענער צייט ביי יידן אַזוי הויך געשטאַנען און ווערט ביז היינט אַזוי געשעצט, האָט דער מלך געגעבן נישט אַזוי דעם ייד צוליב, ווי צוליב זיך און דעם מלוכהשן פאַרמעגן. ביי די אומזיכערע צייטן איז דער רייכסטער

ייד נישט געווען זיכער מיט זיין לעבן און זיין פאַרמעגן, און אויף אַ גלייכן וועג האָט ער געקאָנט אַריינפאַלן אין פּריצישע הענט, וואָס זענען געווען בכּוח אים „אויף אַ גערעכטן אופן" אומגליקלעך צו מאַכן. און ווייל די דאָזיקע רייכע יידן האָבן אין זייערע הענט געהאַט דאָס קעניגלעכע פאַרמעגן, האָבן זיי באַקומען די טיטלען און די „אייזערנע בריוו", כּדי דאָס פאַרמעגן זאָל נישט גיין לאיבוד. ס'פאַרשטייט זיך פון זיך אַליין, אַז אַזאַ בריוו איז געווען אַ כּבוד און איז דעם ייד אויך אין זיינע אייגענע און אין קהלישע געשעפטן שטאַרק צונוץ געקומען. אַזאַ ייד האָט געהאַט ביי זיינע אייגענע אַ גרויסן ווערט און זיין קהלה און אַפילו דער כּלל־ישראל אין פּוילן איז געווען שטאָלץ אויף דעם „קעניגלעכן דינער", וואָס האָט געהאַט די מעגלעכקייט צו שטיין פאַר מלכים און שרים און האָט נישט באַדאַרפט פאַר קיינעם מורא צו האָבן.

* *

*

דער גרויסער סוחר און הויף־ייד ר' שאול, דער עושר און תּקיף, ווערט אַ חשוב אין זיין קהילה און ביים כּלל יידן אין ליטע. אַלס ראש־הקהל אין בריסק פירט ער אַ סך יאָרן אַ פּראָצעס מיט דעם אָרטיקן מאַגיסטראַט, פאָרט אַרום צו פאַרשידענע פּריצים, זוכט און געפינט פּראָטעקציע ביי די ריכטער און איז זיך משתדל צו באַקומען פון די אַרכיוון די נויטיקע קיומים, ווייל זייט הונדערטער יאָרן האָט די בריסקער קהלה געהאַט אַ פערטל פון אַלע שטעטישע הכנסות, ווי, למשל, פון דער וואַקס־גיסעריי, פון דער שטאָט־וואָג און פון דער שאָף־שעריי. דער מלך זיגמונט I האָט דאָס רעכט באַשטעטיקט אין דעם יאָר 1529. נאָר אין צוויי יאָר שפּעטער האָבן די מיעשטשאַנעס געפועלט ביים אים, אַז ער זאָל זיין וואָרט צוריקנעמען. פון דער צייט אָן האָבן די בריסקער יידן געטון אַלץ מעגלעכע, כּדי זייער רעכט צוריק צו באַקומען, און דער פּראָצעס האָט געדויערט קנאַפּע 50 יאָר. ר' שאול האָט באַנייט דעם פּראָצעס און דער קעניג סטעפאַן באַטאָרי האָט מיט זיין באַפעל פון דעם 10־טן פעברואַר 1580 באַשטימט אַ קאָמיסיע, וואָס האָט געזאָלט דעם סיכסוך ערלעדיקן. דעם 14־טן מערץ האָבן די מיטגלידער פון דער קאָמיסיע: אָסטאַפּי וואָלאָוויץ, ליטווישער

קאַנצלער, ניקאָלאַי פּאַץ — סטאַראָסטע פון בריסק און קאָברין, און אַדאַם פּאָצ׳עי, לאַנד-ריכטער פון בריסק, איינגעלאַדןביידע צדדים. די יידישע קהלה האָבן פאַרטרעטן עטלעכע אָנגעזעענע בעלי-בתים מיט ר׳ שאולן אין דער שפּיץ, דעם בריסקער מאַגיסטראַט — דער אָרטיקער בירגערמייסטער און עטלעכע ראַטמענער. די מיעשטשאַנעס האָבן פאַר-געלייגט זייערע פּריווילעגיעס. די יידן אָבער — זיי זענען געווען אין אַן ערגערער לאַגע, ווייל ביי דער גרויסער שרפה אין יאָר 1568 איז דאָס קהלישע אַרכיוו פאַרברענט געוואָרן און פון דעם מלוכהשן אַרכיוו איז געווען כמעט אוממעגלעך אַרויסצובאַקומען די קאָפּיעס. דער פּראָצעס האָט זיך געשלעפּט עטלעכע יאָר, ביז מ׳האָט ענדלעך אַרויסגעגעבן אַ פּסק-דין, אַז דאָס פערטל פון די שטאָטישע הכנסות קומט דער קהלה נישט, אָבער האַנדלען און זיין בעלי-מלאכות מעגן טאַקע די יידן יאָ.

אין 1592 פירט ר׳ שאול אַ פּראָצעס מיט דעם שטאָט-שופט, ווייל ער פּסקנט בנוגע יידן און יידישע סיכסוכים לויט דעם דייטשן (מאַגדערבורגער) און נישט לויט דעם פּוילישן געזעץ, וואָס עס ברענגט פאַר די יידן אַ סך שאָדן. זיגמונט III גיט דעריבער דעם 10-טן אָקטאָבער אַרויס אַ באַפעל, אַז להבא מוזן אַלע שופטים אין יידישע סיכסוכים זיך באַנוצן מיטן פּוילישן געזעץ. אַ יאָר שפּעטער (1593) קלאָגט זיך ר׳ שאול אין נאָמען פון די ליטווישע קהלות און פון די בריסקער יידן אויפן בריסקער סטאַראָסטע, אַז ער טייטשט-אויס פאַלש די אַלטע יידישע פּריווילעגיעס בנוגע דיני ממונות און מישט זיך אַריין אין סיכסוכים צווישן יידן, וואָס געהערן גאָרנישט צו אים. דעם 14-טן יוני 1593 גיט דער מלך זיגמונט III „אויף דער ביטע פון דעם קעניגלעכן דינער שאול יודיטש" אַ ריכטיקן פּירוש פון געזעץ, אַז דיני ממונות צווישן יידן זענען שייך נאָר צו אַ יידישן בית-דין.

אַלע פּריווילעגיעס, וואָס ר׳ שאול האָט זיך וועגן זיי משתדל געווען, האָט די בריסקער קהלה געהייסן איינשרייבן אין דעם „סומאַריוס" פון אירע קיומים און געלאָזט פון אַלע שפּעטערע מלכים באַשטעטיקן, און אין די אַלע באַשטעטיקונגען געפינט זיך דער זאַץ: „ס׳האָט זיך פאַר אונז באַקלאָגט אונזער דינער, דער ייד פון אונזער שטאָט בריסק, שאול יודיטש, אין



4. דאָס הויז פון ד״ר שמחה מנחם מיונה אויף דער יידישער גאַס אין לעמ־בערג (בלאַכאַרסקאַ 19), צענומען אין דעם יאָר 1905.

טאָוול 4.

ספר

# פאר הלכה

נמצאו בו דברים יקרים · מתוקים וחריפים · והנה מעשה חידושים · חידושים על שיטת רבי חנינא סגן הכהנים
חידושים נאים וישרים · [illegible] · ואלה מוסיף על הראשונים · דבכללי בו הויות לאביי ורבא חידושים
רבים · על הלכות [illegible] שבש״ס תלמוד בבלי ותלמוד ירושלמי כאשר עיניכם תחזינה מישרים · [illegible]
[illegible] · על דברי רש״י ותוספות [illegible] · חידושים על הרמב״ם והפוסקים · [illegible]
[illegible] · [illegible] לפעמים · [illegible]
[illegible] · על כללי [illegible] · כל [illegible]
[illegible] · [illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible] · [illegible] של הלכה · [illegible]
[illegible] · [illegible] הלכה · [illegible]
[illegible]
על [illegible] · [illegible] כל אדם [illegible]
כלי תוספת [illegible] · [illegible]
עין ראתה כל אלה ·

**הובא** לבית הדפוס על ידי הרבני המופלג מוהר״ר בצלאל במהור״ק יהודא ליב הלוי מק״ק זאלקווי
העוסק במלאכת ה׳ לזכות כו הרבים · ויבאו ישר עתה · יבינו וישכילו החכמים ללמוד שיטת
רבי חנינא סגן הכהנים

---

נדפס פה ק״ק **זאלקוויא**

בעיר אחוזת של אדונינו [illegible] פרינץ יאקוב בן מלך ע״ת




5. שערבלאַט פון דעם ספר פְּאֵר הלכה, געדרוקט אין זשאָלקיעוו אין דעם יאָר 1738 אין דער דרוק פון די ברידער אהרון און גרשון בני של ר׳ חיים דוד סג״ל און אייניקלעך פון די אורי פייבוש.

זיין אייגענעם נאָמען, ווי אויך אין נאָמען פון אַלע בריסקער יידן, אַז"... דעם זאַץ האָבן געליינט די שפּעטערע דורות און תּמיד געהאַט פאַר די אויגן דעם גרויסן פאַרדינסט פון ר' שאולן פאַר דער בריסקער קהלה און פאַר דעם כּלל-ישׂראל. ווייל ר' שאולס נאָמען איז געשווינט אַרויס פון די גרענעצן פון בריסק און איז פּאָפּולער געוואָרן אין גאַנצן לאַנד, און ווען עס האָט זיך געגרינדעט די אָרגאַניזאַציע פון אַלע פּויליש-ליטווישע קהלות און מדינות, דער באַוווּסטער „ועד ד' ארצות" (1581), האָט ר' שאול אין דער דאָזיקער אַרבעט גענומען אַ גרויסן אָנטייל. אמת, מיר האָבן נישט פון דעם אין די אַקטן פון ועד קיין פּאָזיטיוון צייכן; דער פּנקס הועד איז — ווי באַוווּסט — פאַרלוירן געגאַנגען. אָבער אַפילו אין די העתּקות פון יענע יאָרן געפינט זיך זיין נאָמען אויך נישט, אָבער צוויי זאַכן באַווייזן דעם פאַקט, און נעמלעך: די שול אין לובלין און די באַדייטונג פון זיין זון ר' מאיר אין ליטווישן ועד

כּל-זמן די ליטווישע קהלות האָבן אָנטייל גענומען אין דעם ועד ד' ארצות זענען זייערע דעלעגאַטן (פּרנסים) אַלע יאָר געפאָרן קיין לובלין און דאָ האָבן זיי געגרינדעט אַן אייגענע שול (פּאָדזאַמטשע-גאַס נומער 12), וואָס שטייט ביז היינט און ווערט אָנגערופן די „לויפּער-שול" *), אָדער ר' שאול וואַהלס שול. נישט האָבנדיק קיין אַקטן אין דער האַנט, איז שווער צו באַווייזן, אויב טאַקע ר' שאול האָט די שול געמויערט, אָדער ער האָט נאָר בשעת דעם ועד אין איר געדאַוונט. זיכער איז אָבער, אַז הונדערטער יאָרן האָבן אין דער שול געבאַלעבאַטעוועט זיינע אייניקלעך, און נאָך היינט, — ווי ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן — ווערט זיין נאָמען דערמאָנט שׂמחת-תּורה ביי די הקפות.

באַשטימט לאָזט זיך באַווייזן די גרויסע באַדייטונג אינם ועד פון זיין זון ר' מאיר, וואָס איז געווען אַן איידעם פון באַוווּסטן קראָקעווער פּרנס און גרויסן יחסן ר' פּינחס הלוי איש הורוויץ, אַ קרוב פון „חסד לאברהם" און „של"ה". דעם שידוך האָט ר' שאול געשלאָסן

*) „לויפּער" הייסן קירזשנער, וואָס גייען-אַרום (לויפן) אין די דערפער און אויף ירידים. אין קעגנזאַץ צו די רייכע קירזשנער (פּוטער-סוחרים), וואָס האָבן אַפּענע געוועלבער.

נאָך בשעת ער האָט געפירט דאָס זאַלץ-געשעפט אין וויעליטשקאָ און האָט געוווינט אין קראָקע. ר׳ פינחס אַליין איז געווען אַ למדן מופלג, זיין ערשט ווייב איז געווען אַן אייניקל פון דעם מהר״ל מפראָג און דאָס צווייטע — אַ שוועסטער פון דעם רמ״א.

ביידע מחותנים, דאָס הייסט ר׳ שאול און ר׳ פינחס, האָבן געשפּילט די גרעסטע ראָלע אין פוילן און זייער נאָמען האָט ווייט געשמט אין דער וועלט און דערגרייכט די גרענעצן פון איטאַליע, ווו מען האָט פון ר׳ שאולן פון לאַנג דערציילט נסים ונפלאות *).

אין יענער צייט (1604) האָט מען מיט געוואַלד אָפּגעשמדט אַלע קינדער פון דעם רב און די אומגליקלעכע קהלה האָט אַרויסגעשיקט שליחים אין דער גאַנצער וועלט צו זאַמלען געלד, כדי די קינדער פון שמד אַרויסצונעמען. דער משולח ר׳ אליעזר פון ניצאַ, קומענדיק קיין פוילן, האָט גלייך געטראָפן צו ר׳ פינחסן אין קראָקע, און פון אים צו ר׳ שאולן אין בריסק. מיט דער הילף פון די צוויי נגידים האָט ער צוזאַמענגענומען אַ מנה יפה ביז 1000 גילדן רייניש. און מיט דאַנק דערמאָנט ער דאָס אין די בריוו, וואָס ער און אַנדערע איטאַליענישע רבנים שרייבן שפּעטער קיין פוילן, בעטנדיק ר׳ פינחסן, „ער זאָל זיך משתדל-זיין צוזאַמען מיט זיין מחותן הנשיא ר׳ שאול צוזאַמענצונעמען דאָס רעשט געלט און אָפּשיקן קייז רוים, ווו דאָס אומגליק איז אַזוי גרויס״... **)

עס איז לייכט צו פאַרשטיין, אַז אַ זון פון אַזאַ טאַטן און אַן איידעם פון אַזאַ שווער האָט געהאַט אָפן אַלע טירן און אַזוי האָט ר׳ מאיר בן שאול גאָר לייכט באַקומען דאָס בריסקער רבנות און זיין איינפלוס אויף די ועדים איז נאָך ביים פאָטערס לעבן געווען זייער גרויס און, ווי עס דאַכט זיך, האָט ער אַ גרויסע שולד דערין, וואָס די ליטווישע קהלות האָבן זיך אָפּגעריסן פון די פוילישע און

---

*) ווען ר׳ שאולס פאָטער הרב ר׳ שמואל-יהודה איז נפטר געוואָרן, האָט הרב ר׳ יהודה אריה דמודינא אים מספיד געווען בזו הלשון: והבנים, כי הניח בן אשר שמוע אוזן שמענו, היותו בעל בעמיו, נכבד מאד... (מדבר יהודה, ויניציא שס״ב, 1602).

**) כתבי הרב ר׳ יהודה אריה די מודינא, בודאַפּעסט 1906, בריוו נומ. 205—207: „להשתדל ג״כ ובאמצעות הנשיא כמ״ה שאול קאַצינאַלבוגין יצ״ו מחותנו עם ק״ק בריסק, שנשלח נדבת האלף רייניש אשר התנדבו לקהל הנ״ל (רומי)״...

האָבן געגרינדעט אַן אייגענעם ועד (1623). ר׳ מאיר איז געוואָרן פּרעזידענט אין דעם ועד (פּרנס הועד), און ווער ווייסט, אויב נישט צוליב דעם דאָזיקן כבוד און בענקל, האָט ער נישט צעריסן די גרויסע פּויליש-ליטווישע אָרגאַניזאַציע. אין דעם פּנקס פון די ליטווישע ועדים געפינען מיר אין דעם ערשטן יאָר (1623) פאָלגנדן באַשלוס: „ווייל ר׳ מאיר איז אַ זקן און קאָן נישט אַרויספאָרן פון דער שטאָט, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז כּל-זמן ער וועט לעבן, זאָלן די ליטווישע ועדים אָפּגעהאַלטן ווערן אין בּריסק. און ווייל ר׳ מאיר איז דער יתד ואבן פּנה (דער גרונט-שטיין) און די אויגן פון גאַנץ ליטע קוקן צו אים אַרויף, טאָרן נישט צו דעם ועד געוויילט ווערן קיין שום מעגטש פון זיינע קרובים אָדער מחותּנים, כּדי מען זאָל חלילה נישט מוזן ר׳ מאירן על פּי גורל דערווייטערן פון די זיצונגען״. *)

דאָס איז ר׳ מאיר — ד ע ר ע ר ש ט ע ר, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „וואַהל״ **). און זיין פאָטער ר׳ שאול? ער האָט, ווי ס׳זעט-אויס, אויף זיינע אַלטע יאָרן געלעבט רויק אין בריסק, ער האָט דאָ געמויערט אַ גרויסע און שיינע שול, אַ בית-המדרש, אַ תּלמוד-תּורה, און ער האָט איבערגעלאָזט אַ גרויסן פאָנד צו שטיצן אָרימע קרובים.

ווען מען האָט אויף ניקאָלאַי דעם ערשטנס באַפעל אין יאָר 1840 צענומען די בריסקער שול, האָט מען אין עזרת נשים געפונען די פאָלגנדע אויפשריפט:

„הקצין ר׳ שאול בן הגאון מ׳ שמואל יודא מפאַדוואָ בנה בית הכּנסת של נשים לתּורה ולתּעודה, לזכר אשתּו מרת דבורה ז״ל הצדקנית החסידה, בת (ר׳ דוד דר) וקר זלה״ה — טבת בשנת —— בביתה —״

לויט דער מסורה איז ר׳ שאול נפטר געוואָרן אין יאָר 1617 (שע״ז). לויט בערשאַדסקי — אין יאָר 1622, אָבער זיין מצבה האָט מען ביז היינט נישט געפונען

---

*) פּנקס המדינה של ועד הקהלות הראשיות במדינת ליטא, תקנה 68, יאָר 1623.

**) וואַהל = וואַל הייסט איטאַליענער, למשל, וואַלנוס הייסט „אַן איטאַליענישער גוס״. פּויליש האָט מען אַלע איטאַליענישע יידן געגעבן דעם צונאָמען: וולאָך. — ו ע ט ש ט י י ן: מקור השם וואַהל (עסטרייכישע וואָכנשריפט 1910 נומער 34—35).

## IV

# דער סך-הכּל

דאָס איז בקיצור און לויט די היינטיקע מקורות דאָס געשטאַלט פון ר׳ שאול וואַהל. ווי מיר זען, איז ער באמת געווען אַ שר, אַ מלך בישראל, אָבער פון דעם רייכן ייד און דעם „יידישן מלך" איז נאָך זייער ווייט צום מלך פון פוילן. פאַר דער לעגענדע, וואָס אָן איר קניפּט זיך טיילמאָל אָן אַ וואָרט-שפּיל, איז נישטאָ קיין ווייטקייט, און אַזוי איז פון מלך אין אַלעגאָרישן זין („רייך ווי אַ מלך", „גליקלעך ווי אַ מלך", „סתם אַ מלך") געוואָרן אַ פּוילישער מלך. און איז דער שריט איינמאָל געמאַכט געוואָרן, האָט מען געמוזט צוזוכן סיבות, פּירושים, ערקלערונגען: פאַרוואָס איז ר׳ שאול געוואָרן מלך, און דאַן קומען די אַלע מעשיות וועגן אים, די פּירושים און די פּירושים צו פּירושים.

און דאָ מוזן מיר דערמאַנען, אַז אין פּוילן פון יענער צייט האָבן די מלכים דעם טראָן נישט געירשנט, נאָר נאָכן טויט פון איין מלך האָבן אַלע פּריצים געוויילט זיין נאָכפאָלגער. און אַז מען האָט געוויילט, האָט מען דאָך געקאָנט וויילן אַ ייד, אַ רייכן, אַ פיינעם! די יידישע לעגענדע האָט נישט געזען אין דער יידישקייט פון איר העלד קיין שטערונג אין דער וואַהל, און אַזוי האָט זי געלאָזט ר׳ שאולן וויילן פאַר אַ מלך. דאָס איז — ווי עס זעט אויס — געווען דער ערשטער עטאַפּ אין דער אַנטוויקלונג פון דער לעגענדע.

די שפּעטערע דערציילערס האָבן שוין בעסער געקאָנט די פאַרהעלטענישן אין פּוילן און האָבן פאַרשטאַנען, אַז אַ ייד קאָן אויף אַ גלייכן וועג נישט ווערן דאָ קיין מלך, האָבן זיי דעריבער צוגעגעבן די מעשה פון דעם יום המוגבל (טערמין), פון דער אומאיינינקייט צווישן די וויילערס און פון דער „דערוויילקייט" פון דער וואַל. אַזוי איז ר׳ שאול געוואָרן אַ מלך נאָר אויף איין טאָג (איין נאַכט) און דאָס איז דער נוסח שני. דער צווייטער עטאַפּ.

דעם דריטן עטאַפּ האָט געבילדעט די תשובה אויף דער פראַגע: פאַרוואָס עפּעס ר׳ שאול און נישט קיין אַנדערער ייד? און דאָ קומט די מעשה מיט דעם פירשט ראַדזיוויל. אין דער ליטע האָט באמת

געלעבט אין יענער צייט אַ פירשט קאַראָל מיקאָלאַי ראַדזיוויל (דער יתום סיעראָטקאַ), וואָס איז אין די יאָרן 1582—84 געגאַנגען קיין ארץ־ישראל און איז צוריקוועגס אין איטאַליע באַראַבעוועט געוואָרן און געמוזט זיך לייען געלט אויף הוצאות. זיינע התנצלותן האָט מען אין פוילן געקענט, ווייל דער פירשט האָט זיי געשריבן אין 4 בריוו און געלאָזט דרוקן אין אַ בוך, וואָס איז ערשינען אין ברונסבערג אין יאָר 1601 אין דער לאַטיינישער שפּראַך (ביבליאָטעק קראַשינסקי אין וואַר־שע, נומער 27,315), אין דעם יאָר 1603 האָט מען דאָס זעלבע בוך אַרויסגעגעבן אויף דייטש אין מיינץ (ביבליאָטעק קראַשינסקי נ׳ 23,937) און שפּעטער אויך אין פויליש און אין אַנדערע לשונות.

און אָט די באַשרייבונג לערנט אונז, ווי אַזוי אַ לעגענדע שעפּט פאַר זיך פון אַלע זייטן, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס עס איז אמת און וואָס נישט. דער פירשט דערציילט אונז בפירוש, אַז מען האָט אים און זיינע חברים און דינער באַראַבעוועט, און אַז ער האָט אין אַנקאָנאַ געזוכט אַ באַנקיר, כדי ביי אים צו לייען 100 קראָנען. מיט שוועריקייט... מי האָט מען אים אָנגעוויזן אַן אַגענט פון אַ ווענעציאַנער סוחר מיט דעם נאָמען קווינקטיליוס, ביי וועלכן ער האָט באַשלאָסן איבערצולאָזן פאַר אַ משכון די קליינע חפצים (אַ צלם, אַביסל הייליקע ערד און אַ שטיקל האָלץ פון דעם צלם, אויף וועלכן מען האָט אויפגעהאָנגען יעזוסן), וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט פון ארץ־ישראל און וועלכע זענען ביי אים „צו מזל” געבליבן. נאָך שוועריקייט מי האָט דער אַגענט די חפצים גענומען, ער זאָל אים אויף דידאָזיקע משכנות לייען הונדערט קראָנען...

ווי מיר זעען, איז די מעשה מיטן געלט נישט געווען אין ווענעציע און נישט אין פאַדואַ, נאָר אין אַנקאָנאַ. דער סוחר איז נישט געווען קיין ייד, און דער משכון איז אַזעלכער, אַז ס׳איז שווער צו גלויבן, דאָס אַ ייד און דערצו נאָך אַ רב זאָל דאָס וועלן און קענען נעמען צו זיך אין שטוב אַריין. אַחוץ דעם איז דאָ אַ נישט־פּינקטלעכקייט אין דער כראָנאָלאָגיע: די לעגענדע דערציילט, אַז ר׳ שאול איז ביז צו זיין באַקענען זיך מיטן פירשט געווען אַן אָרעמער יונגערמאַן, וואָס איז געזעסן ביים שווער אין שטוב, און דערווייל זעען מיר פון די אַקטן, אַז ער איז שוין אין יאָר 1578 געווען אַ גרויסער סוחר, וואָס האָט געפירט גרויסע זאַלץ־געשעפטן, און דער פירשט ראַדזיוויל איז

ערשט אין יאָר 1582 אַרויסגעפאָרן קיין ארץ-ישראל, איז דעם 13-טן מערץ 1584 באַראַבעוועט געוואָרן און דעם 7-טן יוני 1584 צוריקגעקומען קיין ניעסוויזש אין זיין שלאָס אריין.

דער סך-הכל פון דעם אַלעמען איז:

ר׳ שאול איז געווען אַ שר און אַ גדול בישראל, האָט געהאַט צו טון מיט פריצים און אַפילו מיט דעם מלך. זיין זון ר׳ מאיר, דער בריסקער רב האָט איבערגענומען נאָך זיין פאָטער אַ גרויס פאַרמעגן און אויך דעם יחוס און אַ אָנדענקען פון געבורטס-לאַנד איטאַליען. מען האָט אים גלייך ווי אַלע אַנדערע איטאַליענישע יידן גערופן „וואָלאַך“, אויף דייטש „וואַל“, פון וואַנען עס האָט זיך אויסגעבילדעט דער צונאָמען: וואַהל. אין די שפּעטערע דורות האָט מען דעם נאָמען נישט פאַרשטאַנען און מען האָט געזוכט זיין שורש אין דעם וואָרט: וועהלן. און אַזוי האָט מען צוזאַמענגעשטעלט דעם יידישן טיטל פון ר׳ שאולן: שר און נשיא מיט דעם וואָרט „וואַהל“. און דעם ענין פון קלויבן אַ מלך, און אויסגעבויט די שיינע לעגענדע, וועלכע מיר האָבן דערציילט.

די איבריקע פּרטים זענען שפּעטער אויף דעם באַוווסטן אופן צוגעקומען און אַזוי האָט געקאָנט דער לייפּניקער רב ר׳ פינחס אין יאָר 1733 דערציילן די אמתע מעשה, וואָס ער האָט געהערט פון דעם מויל פון זיין פאָטער, און שפּעטער נאָך 121 יאָר (1854) האָט שוין הירש עדלמאַן געקענט דרוקן אַ גאַנצן ספר איבער דעם יידישן קעניג אין פוילן. און דאָס ספר איז געוואָרן אַזוי פאַרהייליקט ביי ר׳ שאולס אייניקלעך, אַז זיי האָבן עס גיך אויסגעקויפט, און דאַן איז געקומען נאָך אַ אייניקל, וואָס האָט דעם ספר אויפסניי איבערגעדרוקט נישט פריער און נישט שפּעטער, ווי אין יאָר תרפ״ה *).

ווי עס זעט אויס, האָט אפילו דער גרויסער אייראָפּעישער קריג דאָך נישט אָפּגעשוואַכט דעם גלויבן, אַז ר׳ שאול איז געווען אַ מלך אין פוילן...

---

*) גדולת שאול, זכרונות, סיפורים והגדות על אודות הרב הגאון רבי שאול וואַהל, שהיה לפי מסורת העם מלך בפולאניא... יוצא מחדש במהדורא שניה עם הוספות שבט מיהודה שלשלת יחוסו של רבי שאול וואַהל זצ״ל...

מאת נינו ונכדו אריה יהודה-ליב ליפשיץ ורשה, תרפ״ה, עם מבוא מאת פרופ. דר. מאיר באַלאַבאַן.

# ר׳ פינחס בן אלעזר

## (יאַן בּרעדלאָ)

עס איז געווען דעם 6־טן דעצעמבער אין יאָר 1673 (תל״ג), דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער, אָבער אַ שיינער, איינגעהילט אין שניי האָט די ערד געגלאַנצט ווי אַ בּריליאַנט אויף דער זון. גאַנצפרי איז אויפגעשטאַנען דער פריץ יאַן דזשעוויצקי און קוים האָט מען געעפנט דעם קלויסטער פון די יעזואיטן, באַלד איז ער אַריינגעגאַנגען, כּדי מתפּלל צו זיין און אויסבעטן ביי זיין ליבן נאָמען אַ לייכטן אופן איינצומאָנען די קאָנטריבּוציע, וואָס דער לעצטער פוילישער סיים האָט אַרויפגעלייגט אויף אַלע בּעלי־בּתּים. דזשעוויצקי איז געווען באַקאַנט פון זיין ענערגיע און געוויסנהאַפטיקייט, און עס איז דערפאַר קיין חידוש נישט, אַז די פריצים פון דער רייסישער מדינה האָבן אַקוראַט אים געווילט פאַר אַ עקזעקוטאָר פאַר דעם פשעמישלער קרייז, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען דורך זיינע מרידות, אָנפאַלן און הריגות. די קאָנטריבּוציע האָבן באַדאַרפט צו צאָלן אַלע, דערפאַר האָט לאַנג געקלערט אונזער פריץ פון וועמען עס איז כּדאי אָנצוהייבן. פון פריצים? ס׳קאָן קומען גלייך פון אָנהויב צו אַ מרידה! פון די מיעש־טשאַנעס? הײַנט איז אַקוראַט אַ יומא־דפגרא! אַמבעסטן אָנצוהייבן פון יידן.

אין דער יידישער גאַס זענען געשטאַנען בּיידלעך און אין זיי איז געווען אויסגעלייגט כּל־מיני סחורות, ס׳רוב קינדער־שפּילעכלעך און פאַרבּיקע טיכער. אויפן שוויענטי מיקאָלאַי האָט יעדער געקויפט מתּנות פאַר די קינדער און דערפאַר זענען שוין פון אינדערפרי געשטאַנען יידן איינגעהילט אין פעלצן, מאַנטלען און שאַלן, און רייבנדיק די הענט האָבן זיי געוואַרט אויף קונים. עס איז אָבער נאָך געווען זייער פרי, דער עולם איז נאָך געווען אין דער היים אָדער אין קלויסטער.

ענדלעך האָט זיך די תּפילה געענדיקט. פון די אָפענע טירן פון

קלויסטער האָט זיך אַרויסגעשיט אויף דער גאַס אַ גרויסער עולם מתפללים און געלאָזט זיך געשווינט גיין אַ היים אָדער אין ווינשענקען, ווו מען האָט פאַרקויפט אונגאַרישע משקה מיט אַ גוטער מאַרקע. מיטן עולם איז אויך אַרויסגעגאַנגען אונזער פאַן יאַן און אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע האָט ער מאַרשירט צו דער יידישער גאַס. דאָס גדלות פון זיין אַמט איז געלעגן אויף זיין פנים, אַלעמאָל האָט ער זיך מער אויס־געשטרעקט און האַלטנדיק מיט דער לינקער האַנט דעם גריף פון דעם שווערד, האָט ער מיט דער רעכטער אויפגעדרייט די וואָנסעס. חדר־יינגלעך זענען פאַרבייגעגאַנגען און דערזעענדיק אַזאַ קאָמישע פיגור, זענען זיי שטיין געבליבן און האָבן אים אָנגעקוקט. דער באַהעלפער האָט זיי מיט אַ פאָר קלעפ אָפגעטריבן, אָבער די קינדער האָבן זיך אַלע מאָל אומגעדרייט און נישט געקאָנט אָפרייסן פון דעם פריץ די אויגן. דער פאַן יאַן האָט די יידישע קינדער גאָרנישט געזען, שטאַרק פאַרנומען מיט זיין אויפגאַבע האָט ער גאָרנישט באַמערקט, וואָס עס טוט זיך אין דער גאַס, און אויסגעשטרעקט ווי אַ סטרונע האָט ער מאַרשירט גלייך אין דער קהל־שטוב אַריין, „כדי דאָרט מכריז און מודיע צו זיין די ראשי־הקהלה דק״ק פשעמישל, אַז ער, דער שלאַכטשיץ, האָט בדעה, לויט דעם אויפטראַג פון סיים אין וואַרשע און לויט די פולמאַכטן פון דעם סיימיק אין סאָנדאָווא־ווישניאַ, איינצומאָנען די קריגס־קאָנטריבוציע״.

די מנהיגים דק״ק פשעמישל זענען נאָך געווען ביים דאַווענען, דער הער יאַן האָט געמוזט געדולדיק וואַרטן ביז ר׳ ליבוש, ר׳ עקיבא און ר׳ משה המכונה קרעמער, ר׳ אהרן פינחס, ר׳ איצי פרעגער, ר׳ בינוש, ר׳ דודל, ר׳ טוביה און ר׳ איציק סויבעל, מנהיגי דק״ק פשעמישל האָבן געענדיקט זייער דאַוונען און זענען אַריינגעקומען אין קהל־שטוב. דזשעוויצקי האָט זיי פאָרגעשטעלט דעם ענין, אַז די קהלה זאָל ווי כנהוג מיט איין מאָל באַצאָלן די קאָנטריבוציע פאַר אַלע בעלי־בתים און שפעטער זאָל זי אַליין דאָס געלט איינמאָנען. די פרנסים האָבן דערפון נישט געוואָלט הערן, נישט־לאַנג, ווי אַן אַנדערער האָט קאָנטרי־בוציעס איינגעמאָנט און אויף דעם זענען דאָ קוויטן. דער פריץ שרייט, אַז דער קוויט איז פאַלש; די יידן שווערן זיך, אַז ער איז אַ ריכטיקער. יאַן ווערט אומגעדולדיק און ער ערקלערט, אַז ער וועט אויף אייגענער האַנט איינמאָנען די קאָנטריבוציע.

* *
*

די יידישע קהלות האָבן קיינמאָל נישט צוגעלאָזט, אַז פרעמדע און בפרט גוים זאָלן איינמאָנען שטייערן. מיט דעם פלעגט זיך שטענדיק פאַרנעמען קהל, וואָס האָט געהאַט צוויי אָדער דריי שמשים און אַ רשימה פון אַלע בעלי-בתים און זייער פאַרמעגן לויט „אַ גערעכטער און געוויסנהאַפטער" אָפשאַצונג, אָדער, בעסער געזאָגט, לויט דעם גוטן ווילן פון די פרנסים. די בעלי-בתים זענען געווען צו דעם צוגעוווינט, איבעריקנס האָבן זיי נישט געהאַט קיין ברירה, ווייל די ראשי-העיר האָבן געהאַט אין זייער האַנט דאָס שרעקלעכסטע שווערד פון יענער צייט, ד. ה. דעם חרם און דאָס איינציקע רעכט צו פאַרטיילן די קאָנצעסיעס, ד. ה. די חזקה. קיין פרעמדער האָט נישט געקאָנט איינמאָנען קיין שטייערן. און דערפאַר ווען דזשעוויצקי איז אַריינגעגאַנגען אין ערשטן הויז אַריין, האָט אים געענטפערט די בעלי-ביתטע, אַז איר מאַן לייבוש איז נישטאָ אינדערהיים און זי אָן אים מאַכט קיינע געשעפטן נישט. דזשעוויצקי האָט אָנגעהויבן צו שרייען אויף דעם ווייב, אָבער די יידענע מאַכט אויף די קאָמאָדע און נעמט אַרויס אַלטע קוויטן און ווייזט זיי דעם פריץ, אונטן אַרום אָבער שיקט זי אַ ייִנגל נאָכן מאַן.

דער פאַן יאַן קוקט איבער די קוויטן און פסלט זיי אויפן אָרט און באַפעלט דעם וואָזשני, וועלכער איז מיט אים געקומען, צו מאַכן אַ רעוויזיע אין גאַנצן הויז. דער וואָזשני, אַ גערייבענער יונג, געשמירט מיט אַלע זאַלבן, האָט געקאָנט לייבושן אזן געוווּסט, אַז ער איז אַ היציקער און עס איז נישט כדאי מיט אים אָנצוהייבן. דערפאַר זוכט ער גאָר געלאַסן און אונטן אַרום קוקט ער, צי איז ערגעץ נישטאָ אַן אונטער-טיר, כדי מען זאָל קאָנען בשעת-הדחק מאַכן פיס, צוועלף גילדן האָט געדאַרפט צוצאָלן לייבוש און צוועלף ריפן האָט געקאָנט פאַרלירן דער וואָזשני מיט דעם עקזעקוטאָר. און ווי זיי זוכן אַזוי, קומט צוריק דאָס ייִנגל און זאָגט, אַז ר' לייבוש גייט. דער וואָזשני האָט זיך אַרויסגערוקט אויף דער גאַס און נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען דער פאַן יאַן. לייבוש איז אָנגעקומען צו לויפן אַ פאַרסאַפּעטער, מיט דער לינקער האַנט האָט ער אָפגעווישט דעם פראָסט פון די באָרד און פאות

און די רעכטע האָט ער אויפגעהויבן קעגן די פריצים און געשריגן: „איר הולטאַיעס! וואָס האָט איר געזוכט אין מיין הויז? עס איז אייער גליק, וואָס איך בין נישט געווען אין שטוב, אַנישט וואָלט איך אייך געממיתט ווי די הינט. דזשעוויצקי איז געבליבן ווי פאַרשטיינערט, געוווּסט האָט ער, אַז יידן זענען תּמיד אונטערטעניק און גרייט אויף יעדער באַפעל צו שפּרינגען אין וואַסער אַריין און דאָ האָט ער פלוצלינג באַגעגנט אַזאַ גאווה, אַ מרידה און דערצו נאָך קעגן אים, אַלס פאָרשטעער פון דער מאַכט. שוין האָט ער געוואָלט אַרויסציען די שווערד, כּדי אָנצולערנען דעם „אומגלויביקן" מחוצף, אָבער די שטאָלצע געשטאַלט פון לייבושן און די פּחדנותדיקע האַלטונג פון וואָזשני האָבן אָפּגעקילט דערווייל זיין צאָרן; ער האָט אַרויסגענומען זיין ביכלע און האָט פאַרשריבן מיט גרויסע אותיות: לעיבאַ יודעיוס (לייבוש דער ייד), אויסגעשפּיגן דריי מאָל און איז געגאַנגען ווייטער.

לעבן לייבושן האָט געוווינט יעקב בן מרדכי. אין פּאַרטער זענען געווען געוועלבער, אויפן ערשטן שטאָק האָט געוווינט יעקב. דזשעוויצקי מיט זיין באַגלייטער זענען אַרויפגעגאַנגען אויף די שמאָלע און פינצטערע טרעפּן; ר׳ יעקב האָט שוין געוווּסט נאָך וואָס זיי קומען און, נישט וואַרטנדיק אויף דער פראַגע, האָט ער „דערגענטערט זיין פויסט צום פריצס מויל און געשריען: „איר הולטאַיעס! וואָס טשעפּעט איר אייך דאָ? מיר האָבן באַצאָלט די קאָנטריבוציע ביז צום גראָשן, אַוועק פון דאַנען, אַנישט וואַרף איך אייך אַראָפּ פון אַלע טרעפּן!".
דזשעוויצקין איז דאָס געווען שוין צופיל, ער האָט אָנגעהויבן צו זידלען דעם עזות־פּנימדיקן ייד, אָבער מורא האָבנדיק, דער ייד זאָל טאַקע נישט וועלן מקיים זיין זיין צוזאָג איז ער אַראָפּ פון די טרעפּן און האָט געוואָלט אַריינגיין אין שכנותדיקן הויז. דאָ האָט געוווינט ר׳ פּינחס בן אלעזר, אַ הויכער ברייטאַקסלדיקער ייד, אַ באַוווּסטער בעל־כּוח אין שטאָט. פאַר אַ צוואָנציק יאָר איז ער מיט איין מאָל נעלם געוואָרן פון פּשעמישל און האָט זיך עטלעכע יאָר אַרומגעטריבן איבער דער וועלט. פלוצלינג איז ער אַהיים געקומען, חתונה געהאַט אויף די עלטערע יאָרן, געקויפט אַ הויז און האָט זיך נוהג געווען גלייך ווי אַלע אַנדערע בעלי־בתּים. מאַנכמאָל אָבער האָט זיך אין דעם רויקן מענטש דערוועקט אַ גוייִשע נשמה, דעמאָלט איז ער געווען פעיק צו די

שרעקלעכסטע זאַכן. אין אַזאַ צייט האָבן אים שכנים אויסגעמיטן ביז זיין כעס האָט זיך אָפגעקילט. פאַר דער קהלה איז געווען ר׳ פינחס זייער נוצלעך, ער האָט גערעדט פויליש ווי אַ פריץ און דערפאַר האָט אים די קהלה געשיקט צו אַלע שררות און אַפילו אויפן קעניגלעכן הויף. אָבער תּמיד האָבן זיך אַרום אים אַרומגעטראָגן קלאַנגען, ווייבער און מיידלעך האָבן דערציילט פאַרשידענע מעשיות וועגן דעם, וואָס ער האָט געטון אין די יאָרן, וואָס ער איז נישט געווען אין פשעמישל, אָבער עלטערע בעלי-בתּים האָבן עס געהאַלטן פאַר בבא-מעשיות און האָבן דערפון נישט געוואָלט רעדן, אָבער פרעגן ר׳ פינחסן האָט קיינער נישט געוואַגט.

ר׳ פינחס האָט געהערט אין שטאָט, אַז עפּעס אַ פריץ גייט אַרום איבער די יידישע הייזער און זוכט געלט, געשווינט האָט ער צוזאַמענגערופן אַ חברה ווילדע יונגען און איז געגאַנגען זוכן דעם פריץ. דזשעוויצקי איז אַקוראַט געשטאַנען לעבן ר׳ פינחסעס הויז, ווען דיזער מיט זיין חברה איז אָנגעקומען. ר׳ פינחס האָט באַמערקט, אַז דער פריץ איז אַרויס פון זיין הויז. באַלד האָט זיך אין אים אָנגעצונדן דער כעס, האָט אָפגעמאָסטן דעם שלאַכטשיץ פון קאָפּ ביז פיס און געגעבן אַ געשריי בזה הלשון: „וואָס האָט איר, רויבער, געטון אין מיין הויז? עס איז אייער גליק, אַז איך האָב אייך דאָרטן נישט געטראָפן, ווייל קיינער וואָלט פון דאָרט קיין לעבעדיקער נישט אַרויס, איך האָב אין מיין לעבן קיין פריץ קיינמאָל קיין שטייערן נישט געצאָלט און איך וועל בעסער אָפּוועגן דריי הונדערט גילדן פאַר דיין קאָפּ, איידער דיר אין דער האַנט אַריין צו געבן”. דזשעוויצקי האָט זיך דערשראָקן. די נאָכגיביקע יידן האָבן זיך באַוויזן שטאָלצער ווי די מיעשטשאַנעס און אַפילו ווי די פריצים. ער האָט איינגעזען, אַז עס איז כדאי דערווייל זיך צוריק צוציען און ער איז געגאַנגען אין שלאָס, כדי צו בעטן אַ מיליטערישע שמירה.

דעם גאַנצן וועג איז ער געווען שרעקלעך אויפגערעגט. ער האָט זיך פשוט געשעמט: אַ פריץ האָט זיך דערשראָקן פאַר יידן, מען האָט אים גערופן הולטאַי, רויבער און דערצו בפני כל עם ועדה. אין מיטן כעס האָט ער געהאַט פאַר די אויגן פינחסן, זיינע שרעקלעכע בלישטשעדיקע אויגן, זיינע שפּיציקע וואָנצעס און זיין קול, דאָס ריינע פויליש.

דאָס קול איז אים פון ערגעץ געווען באַקאַנט, עמעצער פון זיינע חברים האָט געהאַט אַזאַ קול, דאָס זעלבע קול, נאָר ווער? אפשר אין פויזן, ווו ער איז געלעגן קראַנק בשעת דער מלחמה? אַזוי פאַרטראַכט, בייז אויף זיך און אויף יידן, איז דער פאַן יאַן געקומען אין שלאָס אַריין און פאַרלאַנגט מיליטערישע שמירה. פאַן סטאַניסלאַוו שיצינסקי, דער לאַנד-ריכטער פון פשעמישל לאָזט אים נישט לאַנג וואַרטן און גיט אַ באַפעל דעם פאָדסטאַרשי ער זאָל שיקן אין שטאָט אַריין אַן אָפטיילונג זעלנער. אַ קורצע קאָמענדע און גלייך מאַרשירט די אָפטיילונג מיט דעם פאָן-טרעגער פאָרכאַטש אָן דער שפּיץ. מיט זיי צוזאַמען גייט דער פאַן דזשעוויצקי מיט דעם וואָזשני און מיט 2 עדות, וואָס זענען געווען בויטיק צו יעדער געריכטלעכער ספּראַווע. שטאָלץ איז געווען דער פאַן יאַן, ער איז געגאַנגען אויסגעשטרעקט ווי אַ העטמאַן אָן דער שפּיץ פון אַן אַרמעע, זיכער, אַז ער וועט מנצח זיין זיין קעגנער. אָבער אויך דער קעגנער האָט נישט געוואַרט רויק ווי דזשעוויצקי האָט געמיינט. די יידישע גאַס איז געווען שוואַרץ, אַרום פינחסן האָט זיך פאַרזאַמלט אַ געוואַלדיקער עולם, אַלע האָבן געשריגן און געדראָט מיט די פויסטן, אין די פאַרפרוירענע פענצטער האָט מען געזען ווייבער מיט קינדער און פון אַ נאָענטן חדר האָט זיך געלאָזט הערן דאָס איינטאָניקע לערנען פון די תינוקות של בית רבן. שוין איז די גאַנצע אָפטיילונג אין דער יידישער גאַס. דזשעוויצקי מאַרשירט גלייך אויף פינחסן, אָבער דער רוקט זיך אַרויס פאַר אַלע און שטעכט דורך מיט זיין בליק דעם פריץ. דער פריץ האָט דעם בליק נישט אויסגעהאַלטן און אויסמיידנדיק דעם שרעקלעכן ייד האָט ער זיך געלאָזט גיין גלייך אין פינחסעס הויז אַריין. דאָס האָט פינחס נישט געקאָנט דערלאָזן, ס׳איז פאַר אים געווען אַ גרויסע באַליידיקונג און מיט אַ שפּרונג איז ער שוין געשטאַנען אין דער טיר פון זיין הויז און שטאָלץ האָט ער אַרויסגערופן צום פריץ: „דו, ממזר איינער! דו, רויבער! איך וועל מיך לאָזן קאָסטן הונדערט גילדן און איך וועל דיך לאָזן הרגענען ווי אַ הונט און דו וועסט נישט ויסן ווער עס וועט דיך הרגענען! דו האָסט נישט קיין אַנדער ענין ווי אָנפאַלן אומשולדיקע מענטשן?!״ — „שלאָגט אים טויט, צעהאַקט אים אויף שטיקער, האָט ווילד געשריגן דער פאַן דזשעוויצקי. און באַלד האָבן זיך די שלאָס-זעלנער געוואָרפן אויף פינחסן און אין זייער שפּיץ דער פאַן

פּאָרכאַטש מיט דער פּאָן. ר׳ פּינחס איז געשטאַנען אויף זיין אָרט און אַ קאַלטבלוטיקער האָט ער געוואַרט אויפן אָנפאַלן. די זעלנער זענען געבליבן שטיין. „צעהאַקט אים, האָט איבערגעחזרט דזשעוויצקי מיט נאָך אַ שרעקלעכערן קול און די זעלנער האָבן אַרומגערינגלט ר׳ פּינחסן. דער ייד האָט זיך געגעבן אַ וואָרף אויף דעם פּאָן-טרעגער און מיט איין ריס האָט ער די פּאָן געהאַט אין האַנט. — „מיר געהער די פּאָן, נישט דיר, איך האָב לענגער די פּאָן פון מיין פּולק געטראָגן״, האָט ער אַרויסגעשריגן און הויך איבער אַלע קעפּ די פּאָן געהויבן און מיט איר געפּאָכעט אויף אַלע זייטן. „דו האָסט לענגער די פּאָן געטראָגן? — האָט פאַרוואונדערט אויסגערופן דזשעוויצקי און ווי פון שלאָף געריבן די אויגן. — איצט קאָן איך דיך, דו ביסט דער ייד, דער פאַררעטער, דער שוועדישער פּאָנען-טרעגער, וואַרט נאָר, וואַרט, דער טויט וועט דיך נישט מיידן״. און מיט אַ שטאַרקן כּוח זענען די זעלנער צו צו ר׳ פּינחסן און באַלד איז ער אַ צעשלאָגענער און אַ פאַרבלוטיקטער געלעגן אויף דער ערד. אין שווערע קייטן האָט מען אים אַריינגעזעצט אין שלאָס-קעלער, האַלטנדיק אים אויף ברויט און וואַסער. דער פּראָקוראָר האָט צוגעגרייט די אָנקלאַגע און דער תּליון — די בלוטיקע אינסטרומענטן, וואָס מיט זייער הילף האָט ער געזאָלט דעם ייד צווינגען מודה צו זיין דעם אמת

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין דעם קאַלטן, נאַסן פינצטערן קעלער האָט געהאַט ר׳ פּינחס גענוג צייט איבערצוחזרן אין זיין מוח זיין גאַנץ לעבן אין זיינע פאַר־שידענע תּקופות. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז נאָך אַ יונג יינגל, וואָס שלאָגט זיך מיט זיינע חברים אין חדר און וויל ווערן אַ גיבור, אַ צווייטער שמשון הגבור. דעם אידעאַל האָבן יידן אויסגעלאַכט, דערפאַר האָט ער געוואָלט גיין צו די גויִם, ער האָט געוואָלט ווערן אַ זעלנער, אָבער ווער האָט געדאַרפט האָבן אַ יידישן זעלנער? באַלד האָבן די שוועדן באַלאַגערט פּשעמישל (1655), און דאָ איז אים געקומען אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין, צוצושטיין צו די שוועדן און ווערן ביי זיי אַ פרייער מענטש און אַ מוטיקער זעלנער. פּינחס האָט גוט גערעדט פּויליש, באַלד האָט ער אַוועקגעוואָרפן די בעקעשע און די פּאות, איבערגעלאָזט די קהלה און די שטאָט און צוגעשטאַנען צו די שוועדן.

אין דער היים האָט מען געמיינט, אַז ער איז געהרגעט געוואָרן, און ער האָט זיך געפּלאָגט און הונדערטער מאָל געהאַט דעם טויט פאַר די אויגן. ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין חרטה, יידן האָבן פון אים געלאַכט, פּוילישע פּריצים האָבן אויף אים געשפּיגן, און איצט איז ער אַ מענטש.

אַך, דער טאָג אין וועלכן מען האָט אים געמאַכט פאַר אַ פאָן-טרעגער (כאָראָנזשי)! די גראַטולאַציעס פון די אָפיצירן, די קנאה פון די חברים! ער האָט זיך געזען, ווי ער יאָגט אויף דעם שונא מיט דער פאָן אין דער האַנט, ווי ער קומט אַלס ערשטער אַריין קיין פּויזן. ביי דעם געדאַנק האָבן זיך אים טרערן געלאָזט פון די אויגן, ווייל פאַר זיינע אויגן איז געשטאַנען זיין טייערע זאָשע, די אויסגעקליבטע פון זיין האַרץ, די געליבטע פון זיין נשמה! אַ שיינעם הויף האָבן באַוווינט אירע עלטערן. די פּריצים זאַרעמסקי, ער, דער פאָטער, וולאַדיסלאַוו אַ שלאַכטשיץ פון אבות-אבותיו, זי, די מוטער, פון דער אַלטער משפחה שווערטשעווסקי. וואָס פאַר אַ האַרציקייט, וואָס פאַר אַ פריינטלעכקייט האָט געהערשט אין דעם הויז! — ווי האָט מען אייך גערופן אין דער היים, הער אָפיציר? — האָט געפרעגט מיט גרויס ליבשאַפט דאָס פריילין. — יאַן, יאַשיאָ, מיין טייבעלע, — האָט געענטפערט מיט ציטערן פינחס — יאַן ברעדלאָ. — די ברעדלאָס, דאָס איז אַן אַלטע פּריצישע משפחה, האָט ערקלערט דער פּאַן וולאַדיסלאַוו, און די מוטער האָט מיט גרויס ליבשאַפט געקוקט אויף איר איידעם.

באַלד איז אָנגעקומען דער טאָג פון זיין חופה. אין דער אַלטער קאַטעדראַל-קירכע אין פּויזן האָבן זיך פאַרזאַמלט די שענסטע באַלעבאַטים, הויכע אָפיצירן פון דער שוועדישער און פּוילישער אַרמעע, אויף דעם אַלטאַר האָבן געברענט גרויסע ליכט, דער אָרגל האָט געשפּילט אומעטיק און דער גלח האָט מיט אַ באַנד פאַראייניקט זייערע הענט.

די גליקלעכע האָניק-חדשים זענען באַלד פאַרביי און מיט גרויסע שמערצן האָט זיך דערמאָנט איצטער פינחס אָן דעם טאָג, אין וועלכן ס׳איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, און אין דער שיינער זאָשע, וואָס האָט אים צום טויזנטסטן מאָל געפרעגט: „האָסטו מיך טאַקי ליב, מיין מאַן?״ שרעקלעכע טעג זענען אָבער באַלד אָנגעקומען, דאָס קעניגלעכע פּוילישע מיליטער האָט ערָאָבערט פּויזן און ער האָט געמוזט די שטאָט פאַרלאָזן.

ער האָט איבערגעלאָזט דאָס ווייב מיטן קינד און איז אַוועק מיט די שוועדן. ער האָט אָבער ביים מיליטער שוין מער נישט געקאָנט אויס-האַלטן און פלוצלינג האָט ער איבערגעלאָזט די פאָן אין דער קאַזאַרמע, האָט אָנגעטון צוריק די בעקעשע און איז אַהיים געקומען קיין פשעמישל. באַלד האָט ער חתונה געהאַט מיט דעם ערשטן מיידל, וואָס מען האָט אים געשדכנט, ער האָט אָבער זיין צווייטע פרוי נישט ליב געהאַט, זי האָט נישט געקאָנט פאַרטרעטן זיין זאָשען. זיין ברויזנדע נאַטור האָט געוואָלט צערייסן די קייטן פון דעם יידישן לעבן, צערייסן די ענגע קאַפּאָטע, אַרויס פון דעם רשות פון דער קהלה און צוריקגיין צו זיין זאָשען און צו זיין יאַשיאָ! ער האָט אָבער נישט געטאָרט, ער איז געווען אַ ייד און אַ פאַררעטער. — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דערלאַנגט דער איידעלער פאַן דזשעוויצקי צוזאַמען מיטן פּראָקוראָר אַן אָנקלאַגע קעגן דעם „אומגלויביקן" פינחס בן אלעזר וועגן פאַרראַט, שענדונג פון דער קאַטוילישער רעליגיע, ביגאַמיע, ווידערשטאַנד קעגן דער מאַכט און אַ סך אַנדערע פאַרברעכן, וואָס זענען געווען אויסגערעכנט אין דעם פוילישן געזעץ...

פינחסעס שעהן זענען געווען געציילטע.

דער תליון האָט שוין געבויט אויף דעם מאַרק די בימה צוויי ווייבער האָבן געוויינט נאָך דעם שיינעם מאַן.

(שלאָס-אַקטן פון סאַנאָק, באַנד 186, זייט 700 — 705 אין בענאַרדינער אַרכיוו אין לעמבערג.)

# ד״ר שׂמחה מנחם מיונה

## הויף־דאָקטאָר פון יאַן סאָביעסקי

דער פּוילישער מלך יאַן סאָביעסקי האָט זיך דערוואָרט, ריכטיקער געזאָגט: נישט דערוואַרט צו זען, ווי דער טריאומף-וואָגן, וועלכער איז אים געגעבן געוואָרן במתּנה דורך די דאַנקבאַרע ווינער, דינט היינט אַלס פּרעדיקט-טריבונע אין דער קליינער דאָרפישער קירך אין פּאַדדאַק, אין פּאָמערן, און ווי דער וואַנט-לייכטער פון זיין שלאָס אין זשולקעוו באַצירט די וואַנט פון דער גרויסער שטאָטישער שול אין לעמבערג. הכּל תּלוי במזל! דער לייכטער, וועגן וועלכן מיר רעדן דאָ, איז אַ גרויסע מעשענע בלעך, באַצירט פון אויבן מיט דער „קליינער" פּוילישער וואָפן-צייכענונג, אונטער וועלכער עס געפינט זיך דער הערב פון די סאָביעסקיס. דער אונטערשטער טייל, ווידער, פון דער בלעך בילדט דעם אייגנטלעכן לייכטער, איבער וועמען עס זענען אויסגעשטאַנצט עטלעכע שיינע אַלעגאָרישע פיגורן. פּראָזאַישע, ראַציאָנעלע פאָרשער באַהויפּטן, אַז דער דאָזיקער לייכטער איז אַריבער געטראָגן געוואָרן אין דער שול אינם יאָר 1804 נאָכן באַנקראָט פון די ראַדזיווילס, ווען פונם זשולקעווער שלאָס זענען אַוועקגענומען געוואָרן אַזוי פיל שיינע זאַכן; אַנדערע, ווידער, היסטאָריקער, מער, אַזוי צו זאָגן, דיכטערישע, עמאָציאָנעלע, ווילן גלויבן, אַז דעם דאָזיקן לייכטער האָט געשענקט דער שול ד ר. שמחה מנחם מיונה (Emanuel de Jona), הויף-דאָקטאָר פונם קעניג יאַן סאָביעסקי. דען פּאַרוואָס טאַקע זאָל ער האָבן פאַרגעסן אין דער „אַלטער" שול, ווען ער האָט דער „נייער" געגעבן כּמתּנה אַ אומגעהויער-גרויסע מנורה פון פּראַכטפולער אויסאַרבעטונג. און באמת זעען מיר אין דער ט״ז-שול, ביים ארון-קודש, אַ זייער גרויסע מנורה, געגאָסן אין ברעסלוי אינם יאָר 1689, וועלכע עס האָט מנדב געווען דער „געלערטער און דאָקטאָר פונם קעניג



ס  א מעשענער רעפלעקטער (וואַנט-לייכטער) אין דער גרויסער שטעטישער שול אין לעמבערג מיט די סימנים פון דער פוילישער מלוכה און דעם הערב פון מלך סאָביעסקי (זע זייט 68).



7. די קונע אין דער פאָרשטעטישער שול אין לעמבערג און אין איר איינגעשלאָסן א ייד פון דעם 18טן יאָרהונדערט (פון דער זאַמלונג פּאַוליקאָווסקי, הײַנט אין דער ביבליאָטעק אָססאָלינסקי אין לעמבערג).



8. די אלטע שול אין קראָקע, די עלטסטע שול אין פוילן (14 יאָרהונדערט).



9. די פעסטונגסשול אין לובאָמל (וואָלין), 17 יאָרהונדערט.

יאַן סאָביעסקי, דר. שמחה מנחם בן ר׳ יוחנן ברוך מיונה״. לויט אַ געוויסער לעגענדע, איז די דאָזיקע מנורה געגאָסן געוואָרן פון איינעם ביי די טערקן אונטער ווין עראָבערטן האַרמאַט, וואָס ער האָט באַקומען געשענקט פונם זיגרייכן מאָנאַרך. היינט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, איז שווער אויסצופאָרשן, צי האָט דער מעש פון דער דאָזיקער מנורה באמת געשטאַמט פון אַ טערקישן האַרמאַט. דאָס, אָבער, איז אַ פאַקט, אַז דר. שמחה מנחם איז געוועזן הויף־דאָקטאָר פון יאַן סאָביעסקי, כאָטש איינזקע היסטאָריקער לייקענען אָדער פאַרשוויגן דאָס.

ר׳ שמחה מנחם איז געווען אַ זון פונם באַוווסטן דאָקטאָר יוחנן ברוך און אַן אייניקל פונם דעסגלייכן באַרימטן לעמבערגער דאָקטאָר, שמחה מנחם מיונה. וואָס עס באַדייט דאָס וואָרט „מיונה״, איז שווער צו דערגיין. דער ערשטער אַרויסגעבער פון די לעמבערגער מצבות־נוסחאות) גבריאל סוכיסטאָוו 1), קוקנדיק מיט זיין ווילדער פאַנטאַזיע אויף דער מצבה פונם דאָזיקן מאַן, אויף וועלכער עס זענען אויסגעקריצט צוויי פיש, וויל זען אינם דאָזיקן נאָמען אַן אָפּשטאַמונג פון יונה הנביא. די דאָזיקע השערה פון סוכיסטאָוו איז אין דער יידישער גאַס אָנגענומען געוואָרן, און אַלע שפּעטעדיקע שרייבער (ר׳ שלמה בובער 2), דר. יחזקאל קאַראַ 3), א. א. וו.) חזרן זי איבער אָן באַוואָרענישן. באמת אָבער באַצייכנט וואָרשיינלעך דאָס וואָרט מיונה די שטאָט, פון וואַנען די דאָזיקע פאַמיליע האָט געשטאַמט. דאָס דאָזיקע אָרט ליגט אין דרום־פראַנקרייך און הייסט Yonne.

אין די מעטריקעס פון דער פּאַדוער אוניווערזיטעט 4) אין דעם יאָר 1640 זעען מיר אין דער רשימה פון די ניי־אָנגענומענע סטודענטן דעם נאָמען יאָנאַ דע יאָנאַ (יונה מיונה), וואָרשיינלעך דער פאָטער פון אונזער שמחה מנחם, דער שפּעטערדיקער דר. יוחנן ברוך מיונה. נאָכן ענדיקן די שטודיען האָט ער זיך באַזעצט אין זיין היימשטאָט,

1) מצבת קודש, העפט 4.

2) אנשי שם.

3) Geschichte der Juden in Lemberg.

4) Ks. Warchał: Żydzi na Uniwersytecie w Padwie, kwartalnik dla historji Żydów w Polsce, zeszyt III z 1913 r.

אין לעמבערג, און האָט חתונה געהאַט מיט אַקסאַ, אַ טאָכטער פון אַ צווייטן לעמבערגער דאָקטאָר, מנחם צונספּאָרט 1). פון דער דאָזיקער פרוי זענען געבוירן געוואָרן פינף קינדער: איין טאָכטער, חיה, און פיר זין: אליעזר, יעקב, יוסף און שמחה מנחם אָדער עמנואל. אַלע האָבן דעם צונאָמען מ י ו נ ה און אַלע, אויסער יוספן, זענען געווען באַוווּסטע לעמבערגער דאָקטוירים. ווו אליעזר האָט געענדיקט די שטודיען, איז אונז אומבאַקאַנט, מיר ווייסן בלויז, אַז ער האָט אין לעמבערג פיל פּראַקטיצירט אַלס דאָקטאָר, און אַז ווען ער איז אין 1672 „בחצי ימיו״ געשטאָרבן 2), האָט זיין טויט באַקלאָגט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג.

דער צווייטער זון פון דר. יוחנן ברוך, י ע ק ב מ י ו נ ה, האָט שטודירט אין פּאַדואַ, ווו ער איז דעם 30-טן נאָוועמבער 1678 אויפגענומען געוואָרן אין קאָלעגיאָ ווענעטאָ. נאָך צוויי-יעריקע שטודיען האָט ער זיך אין יולי 1679 צוגעשטעלט צום דאָקטאָר-עקזאַמען, צו וועלכן ער איז אויך (צוזאַמען מיט זיין לעמבערגער חבר, לוי ליבערמאַן) צוגעלאָזן געוואָרן. דער פּראָטעקטאָר, פאָרשטעלנדיק יעקבן דעם פּאָרזיצנדן פון דער עקזאַמען-קאָמיסיע, רופט אים אָן: „הער יעקב יונה, זון פון עקסעלענץ הער יונה״, וואָס עס ווייזט בפירוש אויפן אַקאַדעמישן טיטול פון זיין פאָטער. נאָכן ענטפערן אויף אַלע געשטעלטע פראַגן, האָבן ביידע קאַנדידאַטן באַקומען דאָקטאָראַטן פון פילאָזאָפיע און מעדיצין. ביידע האָבן זיך באַזעצט אין לעמבערג, ווו זיי האָבן אַנטוויקלט אַ ברייטע מעדיצינישע טעטיקייט 3). אָבער עפּעס אַ שלעכט מזל האָט פאַרפאָלגט די פאַמיליע מיונה, דען אויך דר. יעקב איז עלף יאָר נאָכן באַקומען דעם דאָקטאָר-דיפּלאָם אין 1688 „בחצי ימיו״ קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן, און איז נקבר געוואָרן לעבן זיין ברודער דר. אליעזר (מצבה נ״ר 298). נאָך פריער – אין 1666 – איז געשטאָרבן זייער מוטער (מצבה נ״ר 301), און אין 1669 – דער פאָטער, דר. יוחנן ברוך. אין

1) מצבה אויפן אַלטן בית-עלמין נומער 301.

2) מצבה-נוסח לויט בובערס אנשי שם, נומער 73.

3) באַלאַבאַן: Die Júdenstadt Von Lublin, זייט 70.

דער צווישן־צייט איז אויך געשטאָרבן זייער איינציקע שוועסטער (מצבה נ״ר 303), אַזוי, אַז פון דער גאַנצער פאַמיליע זענען נאָר פאַרבליבן אונזער דר. שמחה מנחם און זיין ברודער יוסף, אַ סוחר אין לעמבערג.

שמחה מנחם האָט געענדיקט זיין שטודיום אויך אין פּאַדואַ, וווּהין ער איז אָנגענומען געוואָרן אין יאָר 1664. נאָכן חתונה־האָבן מיט נעשע, אַ טאָכטער פונם געלערנטן ר׳ פתחיה, האָט ער אויך אָנגעהויבן פּראַקטיצירן אַלס דאָקטאָר אין לעמבערג און אין פאַרלויף פון אַ קורצער צייט איז ער געוואָרן שטאַרק אָנגעזען. נאָכן טויט פון פאָטער און די ברידער פאַרברייטערט ער זיין מעדיצינישע פּראַקטיק, דערביי אָבער פאַרנאַכלעסיקט ער נישט זיינע בירגערלעכע פליכטן און לייגט־צו פיל מי, אויפצוהויבן גייסטיק און מאַטעריעל זיין קהלה. און שווערע צייטן האָט דאַן די לעמבערגער יידישע קהלה געהאַט דורכצומאַכן. נאָך דער שרעקלעכער קאָזאַקיש־טאָטערישער מלחמה, נאָך מער מאָליקע באַלאַגע־רונגען בעת וועלכע האָבן זיך אָנגעהויבן פּאָגראָמען. אין די יאָרן 1663 און 1664 חזרן זיך כסדר איבער די אָנפאַלן פון דער האַנטווערקער־יוגנט און די יעזואיטישע שילער אויפן יידישן קוואַרטאַל. דער אָנפאַל, אָדער די אַ. ג. שילער־געלייף פונם 12־טן יוני 1664, איז געווען באַזונדערס בלוטיק, דען עס זענען אומגעקומען 129 נפשות און אַלע דריי שולן און אויך דער גרעסטער טייל הייזער זענען צערויבט און אויך זאָגאַר געגנצלעך פאַרניכט געוואָרן, אויף דער יידישער גאַס האָט געהערשט נויט און דאָס פאָרשטעטישע יידישע פערטל (קהלה קדושה מחוץ לעיר) האָט כמעט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. זייט די קאָזאַקישע און טאָטערישע מלחמות האָבן די יידן מורא געהאַט אומצו־קערן זיך אין די וווינונגען אויף די פאָרשטעט און זיך געדרענגט אין די ענגע און פינצטערע הייזער פונם יידישן קוואַרטאַל אין שטאָט. אויך די אַנטלאָפענע פון די שכנותדיקע שטעטלעך האָבן זיך יעצט באַזעצט אין שטאָט און נאָך פאַרגרעסערט די ענגשאַפט. די געלט־מיטלען פון דער קהלה זענען געווען ערשעפּט; בכדי צו צאָלן דעם שונא בעת די באַלאַגערונגען אויסקויף־געלט, האָט זיך געמוזט די קהלה זייער פאַר־שולדיקן און ס׳איז נישט געווען פון וואַנען צו באַצאָלן די הויכע פּראַצענטער 1).

1) Bałaban: Dzielnica Żydowska, Lwòw 1909, Str. 32 i nast.

און אָט אין דער דאָזיקער שווערער צייט זעען מיר אונזער דר. שמחה מנחם צווישן די ראשי הקהל, העלפנדיק מיט ראַט און טאַט זיינע פּאַראַרימטע און נויט-ליידנדע ברידער. און געהאַט האָט ער דערצו פיל מעגלעכקייט, דען דער רום פון זיינע דאָקטאָרישע פעיקייטן האָט דער-גרייכט ביז צום קעניגלעכן הויף, און דער מלך יאַן סאָביעסקי האָט אים אַרויסגערופן קיין זשולקעוו, בכדי צו געפינען ביי אים היילונג פאַר זיינע שמערצן. סאָביעסקי איז זייט אַ לענגערע צייט קראַנק געווען, עס איז נישט געווען קיין חודש אין די יאָרן 1670 און 1671 אָן שווערע נאַקן- און קאָפּ-ווייטיק, פון וועלכע ער האָט כסדר און שרעקלעך געליטן. אַלעמאָל האָבן זיך אים געמאַכט געשווירן אין האַלז, דאָ ווידער ווייטיק אין פינגער פונם רעכטן פוס, היץ און העכסט-געפערלעכע שלאָפלאָזיקייט. צו דעם האָט זיך נאָך צוגעטשעפּעט אַ בייזהאַפטיקע אויגן-קרענק. נישט קיין וווּנדער אַלזאָ, אַז וואָס אַמאָל האָט מען אַרויס-גערופן אַנדערע דאָקטוירים: ברוין, פּאָליִציאַני לאָסיאָס און דעם ענגלענדער דאָקטאָר קאָנאָר 1), זיי אַלע האָבן געטון, וואָס זיי האָבן נאָר געקאָנט, אַבי צו פאַרלייכטערן דעם קעניג די שמערצן. סאָביעסקי איז געווען אַ שלעכטער פּאַציענט, גרינגגעשעצט די אָנווייזונגען פון די דאָקטוירים, און גיכער געגלויבט, עס קאָן אים באַפרייען פון די צרות די „פּאַננאַ מאַריאַ" פון טשענסטאָכאָוו. ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט מען אַרויסגערופן דעם דר. שמחה מנחם און ער האָט, זעט אויס, געקאָנט דעם קעניג צופרידנשטעלן, קודם האָט מען אים וואָס אַמאָל אָלץ עפטער אַרויסגערופן און נאָכהער אים געהייסן זיך אינגאַנצן באַזעצן אין זשולקעוו, בכדי אים צו קאָנען האָבן אויפן אָרט צו יעדן פאַרלאַנג.

דאָס באַשטימען דר. שמחה מנחם אַלס הויף-דאָקטאָר האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט זיין אָנזען ביי יידן, און ווען ער האָט זיך נאָכן טויט פון יאַן סאָביעסקי אומגעקערט קיין לעמבערג און צוריק באַזעצט אין זיין הויז אויף דער יידישער גאַס (נומער 19) האָט מען זיך צו אים פון אַלע זייטן געווענדט וועגן הילף און עצות. די יידישע קהלה

1) Luniński: Wspominki, str. 37 i nast. (Ostatnie chwile Jana III).

האָט אין אים געזען „איר נשיא און איר מנהיג״, און באַשטימט פאַרן משגיח איבערן צדקה-געלט פאַר ארץ-ישראל און ווילט אים אויך אַלס פרנס צו די ועדי מדינה און צום ועד ארבע ארצות. דער רום פון דר. שמחה מנחם האָט ווייט איבערגעשריטן די מויערן פון לעמבערג און איר סביבה. אַזוי האָט אים אין יאָר 1699 דער ועד ארבע ארצות געווילט פאַר דעם פרנס, ד. ה. פאַר דעם פאַרטרעטער פון דער גאַנצער פוילישער יידנשאַפט. אויפן דאָזיקן פאָסטן האָט ער באַוויזן פיל אויפצוטון פאַר זיינע ברידער, און דאָס אַדאַנק זיין באַקאַנטשאַפט און באָענטע באַציונגען מיט איינפלוסרייכע פערזענלעכקייטן נאָך פון דער צייט, ווען ער איז געווען אַ דאָקטאָר ביי „דעם פאַרשטאָרבענעם הער און קעניג״. אין דער צייט פון זיין פרעזידירן האָט דער ועד ארבע ארצות אַנטשיידט דעם אַלטן סיכסוך צווישן די יידישע דרוקערייען. קיין פוילן איז — אונטער סאָביעסקיס פראָטעקציע — געקומען דער באַרימטער אַמשטערדאַמער מדפיס ר׳ אורי פייביש הלוי, און האָט זיך אין יאָר 1693 באַזעצט אין זשולקעוו. צוליב דעם, וואָס ער האָט געדרוקט שיין און אויף גוט פאַפיר, האָט דאָס אַרויסגערופן קעגן אים ביידע העברעישע דרוקעריי-אייגנטימער אין פוילן, נעמלעך פון קראָקע און פון לובלין. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָסטבאַרער און פאַרעקשנטער פראָצעס, אַדאַנק וועלכן די ניי-געגרינדעטע דרוקעריי האָט נישט געקאָנט אַנטוויקלען קיין געהעריקע טעטיקייט. דער ועד ארבע ארצות האָט פעסטגעשטעלט אַ אַרבעט-נאָרמע פאַר אַלע דריי דרוקערייען, באַשטימענדיק פאַר יעדער איינציקער דאָס רעכט אָפּצודרוקן יערלעך 700 בויגן אויסער קאַלענדאַרן און אַנדערע קלענערע דרוק-זאַכן [1].

יוען אין יאָר 1701 איז אין זשולקעוו אויסגעבראָכן אַ סיכסוך צווישן די מיטגלידער פון דער קהלה, און עס האָט געדראָט, אַז די יידישע איינהייט זאָל צעקלאַפּט ווערן, האָט זיך די קהלה געווענדט צו אונזער דאָקטאָר, ער זאָל מיט זיין אויטאָריטעט באַרויקן די צעהיצטע געמיטער. און אָט גיט ער אַרויס אַ קול-קורא צו די זשולקעווער יידן, אין וועלכן ער מאַכט אויפמערקזאַם אויף די מחרחרי ריב און וואָרנט פאַרן פירוד, וועלכער דראָט דער קהלה, אויב דער סיכסוך זאָל נישט

1) בובער: קריה נשגבה, זייט 105, דאָקומענט 24.

געמילדערט ווערן. „מיין נשמה האָט אַ ציטער געטון צוליבן געשריי, – לעזן מיר אינם אויפרוף, – מיין האַרץ וויל זיך דערוויסן, ווער איז עס דער, וועלכער האָט געוואַגט פורץ גדר צו זיין און צעברעכן דאָס, וואָס איז זייט יאָרהונדערטער געשטעלט אויף די בעסטע יסודות. עס איז קיין ספק נישט, און די צוקונפט וועט עס ווייזן, אַז דער דאָזיקער מענטש וועט געניסן די פרוכטן פון זיינע מעשים, עס וועט קומען אויף אים אַ נקמה פון שווערד און הונגער, און זיין נשמה וועט פאַרביטערט ווערן. איך וויל אָבער נישט קיין נקמה און למען השלום שטעל איך אויף מיין אויער אויסצוהערן ביידע צדדים און באַטראַכטן דעם סיכסוך״...

אין ווייטערדיקן טייל פאַררופט זיך דר. שמחה מנחם אויפן אויטאָריטעט פון די כתבי הקדש און רופט די ווידערשפעניקע, זיך אונטער צו געבן דעם באַשלוס, וועלכן ער האָט אָנגענומען צוזאַמען מיטן פריערדיקן זשולקעווער רב ר׳ ישכר בער, וועלכער האָט יעצט פאַרנומען דעם כסא הרבנות אין קרעמזיר אין מעהרן. פאַר זיין אונטערשריפט שטייט דער טיטל: אָט דאָס זענען די ווערטער פונם באַרימטן, געלערנטן פירשט און מאַגנאַט, דעם שטאַרקסטן צווישן אַלע דאָקטורים פאַרן גוף און דער נשמה... אינם טאָג, ווען דער אויבערשטער האָט צוויי מאָל געזאָגט „כי טוב״, ד. ה. דינסטיק, י״ב כסלו תס״א (1701. (כה דברי המרומם התורני הקצין והנדיב אביר הרופאים רפואת הנפש והגוף החותם היום יום שנאמר בו פעמיים „כי טוב״ י״ב כסליו תס״א לפ״ק). נאָכדעם קומט די אונטערשריפט: „הקטן שמחה מנחם בן ר׳ יוחנן ברוך מיונה, דאָקטאָר״ [1].

דער אויפרוף פון דר. שמחה מנחם האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם אויף דער זשולקעווער קהלה. דער ועד מדינה פון די רוסישע יידן, וועלכער האָט זיך אין דער זעלבער צייט געהאַט פאַרזאַמלט אין זשולקעווע, האָט זיך אויך פאַרנומען מיטן דאָזיקן ענין און האָט אַרויסגעגעבן אַן ענלעכן באַשלוס, פאַררופנדיק זיך אויפן פסק פון די רבנים און „זאָגאַר אויף דער דעציזיע פונם הקצין והטפסר, דעם באַוווסטן דאָקטאָר ר׳ שמחה״ [2].

1) זע, ווי אויבן, № 30. ז׳ 118.

2) דאָרט 29

דעם כּבוד, וועלכן מען האָט אים אין די יידישע ספערן אָפּגעגעבן, פאַרדאַנקט דר. שמחה מנחם נישט אַזוי פיל זיין מעדיצינישער וויסנשאַפט, וויפל זיינע ידיעות אין תּלמוד און נושאי כּליו. די רבנים פונם אַכצנטן יאָרהונדערט, ווי ר׳ יחזקאל לאַנדוי פון פּראָג אין זיין ספר „נודע ביהודה” און פון די שפּעטערדיקע ר׳ עקיבא איגר, פאַררופן זיך אויף זיינע מיינונגען אין עניני התּלמוד, און דער באַוווסטער צדיק און בעל-מופת, ר׳ יואל בעל-שם-טוב פון זאַמאָשטש, דערציילט אין ספר „מפעלות אלקים”, אַז פיל פון זיינע רפואות פאַרדאַנקט ער דעם געלערטן, דר. שמחה מנחם. דעם דאָזיקן ר׳ יואלן האָט מען אין סוף פונם 17-טן יאָרהונדערט אַרויסגערופן קיין פּויזן, אַרויסצוטרייבן אַ שד פון אַן אַלטן הויז אויף דער יידישער גאַס (קב הישר ז׳ 34 — 233).

דר. שמחה מנחם האָט געוווינט אין לעמבערג אין זיין אייגן הויז אויף דער יידישער גאַס (בלאַכאַרסקאַ 19), וועלכעס ער האָט אַליין זיך געלאָזט אויפמויערן. דאָס דאָזיקע הויז האָט מען דעריבער גערופן: די דאָקטאָרישע מויער, אויף יידיש: ד״ר שמחהס הויז. ווער עס איז געווען דער בוי-טעכניקער פונם דאָזיקן הויז, ווען דעם שוויגן די דאַמאָלסטיקע אַקטן. דער שטח פון דער געביידע איז געווען אַ שמאָלער, זי האָט געהאַט בלויז 2 פענצטער (ווי פיל אַנדערע דאַמאָלסטיקע הייזער) און געהאַט צוויי שטאָק. דער פאָדערשטער טייל איז געווען זייער סטילהאַפט אויסגעפירט און האָט ביים ערשטן בליק זיך אונטערגעשיידט פון אַלע אַנדערע הייזער אויף דער יידישער גאַס. אַ ברייטע איינגאַנגס-טיר אין רענעסאַנס-סטיל, מיט אַ פּאָרטאַל פון שטיין האָט געפירט אין אַ שיין, העל פאָדער-הויז [1], באַצירט מיט שיינע וועלבונגס-ריפּן און ראָזעטן [2]. מאָנומענטאַלע שטיינערנע טרעפּ האָבן געפירט אין די צימערן אויפן ערשטן און צווייטן שטאָק,ביידע צו צוויי פענצטער. דעם כאַראַקטעריסטישן פּראָנט פון דעם הויז האָבן באַצירט פאַרשידענע שניצערייען איבער די פענצטער [3]. אַ באַזונדערע באַצירונג זענען געווען די שטיינערנע פיגורן, וועלכע האָבן אונטערגעשפּאַרט די באַלקאָנען [4].

1) Bałaban: Żydzi Lwowscy, ryc. 183

2) דאָרט, בילדער 47, 48.

3) דאָרט, בילד 49.

4) דאָרט, בילדער 42—46.

אָט אין אַזאַ פּאַלאַץ האָבן געוווינט דר. שמחה מנחם מיט זיין פרוי ביזן יאָר 1693, דען אינם דאָזיקן יאָר איז זיין פרוי געשטאָרבן 1), און ער איז אַרויסגעפאָרן קיין זשולקעוו אויפן קעניגלעכן הויף. נאָך סאָביעסקיס טויט איז ער צוריקגעקומען קיין לעמבערג, נאָך אַמאָל חתונה געהאַט און שוין אין יאָר 1697 געפייערט די געבורט פון זיין זון יעקב.

נישט לאַנג אָבער האָט ער זיך געפרייט מיט דער פרוי און דעם קינד, דען שוין דעם 28-טן מערץ 1702 האָט ער פאַרמאַכט זיינע אויגן אויף אייביק און איז נקבר געוואָרן אויפן אַלטן לעמבערגער בית-עלמין, לעבן זיין פאָטער, מוטער, ברידער, שוועסטער און זיין ערשטער פרוי. אויפן קבר איז ביזן היינטיקן טאָג פאַרבליבן פאָלגנדער נוסח:

נטמן פה הרב הראש והנגיד בישראל
הקצין המפורסם בדורו הרופא מומחה לרבים
ידו פתוחה לעניים ודלים
גבאי צדקה ומרא דאתרא ירושלים
ה״ה **השר** מוהר״ר שמחה מנחם
**בי** מוהר״ר יוחנן ברוך מיונה זצללה״ה
תנצב״ה 2).

אין דריי יאָר אַרום איז באַגראָבן געבאָרן לעבן פאָטער דער נאָך יונגער, קוים אַכט-יעריקער, זון יעקב 3), וועלכער איז וואָרשיינלעך געוועזן זיין איינציקער בן-זכר, און אין יאָר 1712 – דער ברודער פון שמחה מנחם, יוסף 4). לעבן יוספן ליגט אויך זיין טאָכטער אַקסאַ, וועלכע איז געשטאָרבן אין 1715. 5) קיין שום אַנדערע נאָכפאָלגער פון דער דאָזיקער פאַמיליע באַגעגענען מיר נישט, נישט אין די אַקטן און נישט אויפן בית-עלמין, און דער איינציקער זכר נאָך איר איז –

1) נוסח המצבה 266

2) מצבת קודש חלק ד׳ נ״ר 10. פון דאָרט אָפּגעדרוקט ביי בובער: אנשי שם נ׳ 544.

3) מצבה 295.

4) מצבה 185.

5) מצבה 186.

אויסער די מצבות – די אויבנדערמאָנטע פּראַכטפולע מנורה אין דער טורי-זהב-שול אין לעמבערג.

„דאָקטאָר שמחהס הויז״ איז געשטאַנען העכער צוויי הונדערט יאָר, ווערנדיק וואָס אַמאָל אַלץ מער חורבה. אינם יאָר 1767 האָט עס געהערט צו ישראל בן יוסף, דעם פעכטער פון די קהלישע שטייערן. ער האָט עס וואָרשיינלעך צוגעבויט אַ דריטן שטאָק און ווי אויף אַ חוזק האָט ער געלאָזט מאַכן דריי פענצטער, בעת די נידריקע שטאָקן האָבן געהאַט בלויז צו צוויי. אין אונזערע צייטן האָט די געביידע מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ בילד פון רואין און אונטערגאַנג. די גזימסן צעהאַקט, די טרעפּ און די גאַלעריע פאַרניכט, און די אומאָרדענונג און דער שמוץ זענען געווען אַן אומבאַשרייבלעכער קאָנטראַסט צו די שלאַנקע זיילן און הערלעך-געשניצטע שטיינער.

די לעצטע ווירטן פון דעם הויז (פּרוי סאַס) האָט געפירט אַ מלחמה מיט די אַמטלעכע פאַרוואַלטער איבער די היסטאָרישע אַלטער-טימלעכקייטן, וועלנדיק פאַר יעדן פּרייז דאָס דאָזיקע הויז איבערבויען און מאָדערניזירן. זי האָט אַפילו – נישט-פרעגנדיק ביי קיינעם – געלאָזט אויסהאַקן אַ דריט פענצטער אויףביידע שטאָק און אַזוי אַרום פאַר-ניכט די גאַנצע פראָנט-סימעטריע פון דער געביידע. די אַמטלעכע אַלטערטימלעכקייט-קאָנסערוואַטאָרן האָבן זיך דערוווּסט וועגן דעם שפּעט, ווען די גזימסן פון די פענצטער זענען שוין געלעגן אויפן הויף און דער פּאָליציאַנט האָט נאָר געקאָנט אַכטונג געבן, אַז מ׳זאָל די ווייטער-דיקע טיילן פון דער מויער נישט צוצעהאַקן. די בעלי-הביתטע האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן קלוגער פון די באַאַמטע און זעענדיק, אַז עס איז נישטאָ קיין עצה, האָט זי מודיע געווען דעם בוי-אַמט, אַז דאָס הויז פאַלט איין. אויף דעם אַרויף האָט זי באַקומען אַן ערלויבניש עס צו-צענעמען. אַזוי אַרום איז אין יאָר 1906 פאַרשווּנדן געוואָרן אַ הערלעכע היסטאָרישע געביידע און אויף איר אָרט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ ניי-מאָדיש לאָקאַטאָרן-הויז. קורץ דערנאָך זענען אויך אַנדערע הייזער פון דער בלאַכאַרסקע גאַס צונומען געוואָרן און דער גאַנצער שטח דערמאָנט נישט מיט גאָרנישט די אַלטקייט אָדער דעם היסטאָרישן כאַראַקטער פון דער אַמאָליקער אַלטערטימלעכער יידישער גאַס.

ווען מען האָט אין יאָר 1914, אוממיטלבאַר ˚פאַר דער מלחמה,

באַנייט און מעתיק געווען די מצבות אויפן אַלטן לעמבערגער בית-
עלמין, האָט מען געפונען אַ גאַנצע גרופּע מצבות פון דער פאַמיליע
„מיונה״ און אויף אַזאַ אופן דערוועקט דעם זכר פון באַרימטע און
פאַרדינסטפולע מענער.

# בצלאל בן הקדוש ר׳ נתן

## דער מוכסן אין דער רייסישער מדינה

ר׳ מתתיהו שטראַשון, דער גרינדער פון דער באַרימטער יידישער ביבליאָטעק אין ווילנע, דערציילט אין זיינע הוספות צו דער „געשיכטע פון די ווילנער יידן״ 1), אַז ער האָט אין עפּעס אַן אַלטער כראָניק געפונען פאָלגנדע נאָטיץ: „אַ מאַן איז געוועזן, געהייסן האָט ער בצלאל, וועלכער האָט נושא חן געוועזן אין די אויגן פון קעניג יאַן סאָביעסקי און געהערט צו די, וועלכע האָבן געהאַט אַ צוטריט צו זיין פּאַלאַץ. די פּאָליאַקן האָבן אים גערופן: דער צווייטער מרדכי און אויך די קעניגין האָט זיך צו אים זייער גינסטיק באַצויגן״.

פיל יידישע הויף־פאַקטאָרן האָט יאַן סאָביעסקי געהאַט, מער אפשר ווי זיינע אַלע פאָרגייער אויפן פוילישן טראָן. דער טיטול „פאַקטאָר״ איז אין דער צייט פון דער דאַמאָלסטיקער אומטאָלעראַנץ געוועזן דער העכסטער, וועלכן אַ ייד האָט געקענט דערגרייכן. די גרעסטע עשירים האָבן זיך באַמיט דעם דאָזיקן טיטול צו באַקומען, ווייל דאָס האָט זיי וויניקסטנס כאָטש געגעבן די זיכערהייט פון לעבן און פאַרמעגן. דער הויפישער אָדער קעניגלעכער פאַקטאָר האָט זיך געפונען אונטער דער שוץ פונם הויף־מאַרשאַלעק און נור פאַר אַ הויף־געריכט האָט ער זיך באַדאַרפט שטעלן, אויב עס האָט אים ווער חובע לדין געווען. פאַקטאָרן זענען געווען די יידישע עשירים פון ווין, וועלכע האָבן פינאַנסירט די מלחמות מיט די טערקן: ר׳ שמואל אָפּענהיימער און ר׳ שמשון ווערטהיימער. דער לעצטער איז געווען הויף־פאַקטאָר נישט בלויז פונם דייטשן קייסער (אָבערהאָפפאַקטאָר), נור אויך פון די פוילישע קעניגן. פון די פאַקטאָרן פון יאַן סאָביעסקי זענען אונז באַוווסט: הערמאַן בן

1) זען: קריה נאמנה, זייט 302.

שלמה, ביינוש בן אַברהם דער קראָקעווער יצחק בן לוי, אברהם בן נתן הרבי און פיל אַנדערע. דעם 16-טן יוני 1675 האָט יאַן סאָביעסקי נאָמינירט אין יאַווארָאָוו דעם קראָקעווער ייד יוחנן פאַצאַנאָווסקי אַלס זיין „servitor", וואָס איזווירדיק צו דינען אין דעם קעניגלעכן פאַלאַץ" 1).

די דאָזיקע קעניגלעכע פריווילעגיע פאַר יוחנן האָט איבערגעחזרט אַנדושיי פון סקשיננא דונין קאַרוויצקי, געהילף-סטאַראָסטע פון קראָקע, באַקאַנטמאַכנדיק „פאַר אַלע און פאַר יעדן באַזונדער", אַז פאַצאַנאָווסקי געהער אויסשליסלעך דער יוריסדיקציע פון דעם קעניגלעכן מאַרשאַלעק 2).

לעבן די דאָזיקע טיטולאַר-פאַקטאָרן איז געווען איינער, וועלכער איז באמת געשטאַנען נאָענט צום קעניג און אויסגעפירט באַנקירישע פונקציעס אויף זיין הויף. דאָס איז געווען ר׳ יעקב בצלאל בן-ר׳ נתן, אָדער, ווי מ׳האָט אים גערופן, בצלאל. פון וואַנען דער דאָזיקער בצלאל האָט געשטאַמט, איז נישט באַוווסט, דאָס בלויז קענען מיר באַשטעטיקן, אַז זיין פאָטער איז ערמאָרדעט געוואָרן בעת די קאָזאַקישע מהומות און מען האָט אים דערפאַר אָנגערופן מיטן נאָמען הקדוש, ד. ה. ער איז אומגעקומען על קידוש-השם. בערך 1685 האָט זיך בצלאל באַזעצט אין זשולקעוו און דאָ האָט ער באַקומען חזקה אין דער יידישער קהלה. י׳ תמוז האָבן זיך אונטער דעם פאָרזיץ פון זייער רב, ר׳ הלל בן-נפתלי, פאַרזאַמלט די ראשי ומנהיגי הקהל פון זשולקעוו און דאָרט אונטערגעשריבן דעם חזקה-אַקט פאַרן „האלוף הקצין מוהר"ר בצלאל, זון פונם קדוש ר׳ נתן", נעמענדיק דערביי ביי אים אַ פאַרפליכטונג, אַז ער אַנטזאָגט זיך פון אַלע פריווילעגיעס פונם קעניג אָדער פונם ועד ארבע ארצות, וועלכע זענען סותר די רעכט פון דער יידישער קהלה; אַז ער וועט צאָלן אַלע קהלה-שטייערן און וועט ערפילן אַלערליי פליכטן, צוגלייך מיט דער גאַנצער זשולקעווער יידישער באַפעלקערונג. און פריווילעגיעס האָט בצלאל געהאַט אַ סך. קודם-כל איז ער אַלס קעניגלעכער פאַקטאָר, געווען אַרונטערגעוואָרפן אַ באַזונדערער יוריסדיקציע, מען האָט אים נישט געטאָרט צוציען צו מאַטעריעלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט

1) Relationes cracovienses tom 101 str. 647 (שטאָטישער ארכיוו אין קראָקע).

2) דאָרט, באַנד 112, זייט 1049.

פאַר די חובות, וועלכע ער איז שולדיק געווען דער קהלה. געוווינט האָט ער אין אַ קעניגלעך הויז, ד. ה. מחוץ דעם שטח פון דער יידישער גאַס, א. אַז. וו. אין באַצוג, אָבער, צו זיינע ברידער האָט בצלאל נישט געוואָלט געניסן פון די דאָזיקע פריווילעגיעס און האָט זיך פון זיי אַנטזאָגט, ווען מען האָט פון אים דאָס געפאָדערט. דערפאַר האָט מען אים קורץ נאָכדעם געוויילט אַלס גבאי פון דער גרויסער שול און אין יאָר 1689 — זאָגאַר אַלס ראש וראשון פון דער זשולקעווער קהלה 1).

בצלאל האָט אָנגענומען די דאָזיקע כיבודים. האָט זיך מיט זיי, זעט אויס, געפרייט, ער האָט אָבער נישט געהאַט קיין צייט אויסצופירן אַלע מיט די דאָזיקע אַמטן פאַרבונדענע פליכטן. דערפאַר האָט ער שוין ביי דער וואַל זיך אויסגענומען, אַז עס וועט אים ערלויבט זיין זיך צו לאָזן פאַרטרעטן דורך זיין איידעם ר׳ העניך, אויב ער זעלבסט וועט זיין פאַרנומען. און נור דאַן, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ וויכטיקערן ענין, וועגן אַ אינטערווענץ ביים קעניג אָדער הויכ־געשטעלטע פריצים, איז ער מחויב אַליין צו גיין. זיין אינטערווענץ האָט די זשולקעווער קהלה וואָרשיינלעך צו פאַרדאַנקען די פריווילעגיעס אויף צו בויען די נייע שול אין יאָר 1687 און די באַשטעטיקונג דערצו פונם לעמבערגער אַרציביסקופ ליפסקי פון יאָר 1692. און באמת שטייט שוין קעגן ענדע פונם 17־טן יאָרהונדערט די פרעכטיקע און באַ־פעסטיקטע זשולקעווער שול, וועלכע איז ביזן היינטיקן טאָג אַ צירונג פאַר דער קהלה און דער שטאָט. און אַרום דער דאָזיקער שול האָט זיך גרופירט דאָס יידישע לעבן, וואָס איז צו יענער צייט געווען אַזוי רירעוודיק און פיל־פאַרביק. דאָ האָט אין שכנות פונם קעניג, זיינע הויף־לייט און אַנדערע הויכגעשטעלטע פערזענלעכקייטן געוווינט דער יידישער דאָקטאָר שמחה־מנחם מיונה, דאָ האָט פאַרלייגט זיין אַרבעטס־וואַרשטאַט דער אַמשטערדאַמער בוך־דרוקער, אורי־פיבוש הלוי, דער זיידע פון די העברעישע בוך־דרוקער מדפיס און לעטעריס אין לעמבערג און אין זשולקעוו.

בצלאל אַליין האָט נישט געקענט ווידמען פיל צייט דער נייער

1) ש. בובער: קריה נשגבה, זייט 9, 67 און צוגאָב ג׳ 28.

קהלה. זייער פיל עסקים האָבן אים פאַרהאַלטן אין לעמבערג, ווו ער האָט „רעזידירט" אין דער צאָל-קאַמער און קאָנטראָלירט די חשבונות און די הכנסות פון די צאָל-קאַמערן פון גאַנץ רייסן, פּאָדאָליע און וואָלין. דען מיר דאַרפן געדענקען, און דאָס האָט אויך דערמאָנט אויפן סיים פון יאָר 1748 דער דעפּוטאַט פון טשעכאַנאָווער קאַנט, ה׳ פּולאַסקי, „אַז ווען בעת דער כסדרדיקער מלחמה מיט די טערקן האָבן פּאָדאָליע און די אוקראַינישע וואָיעוודזטוועס גאָרנישט אימפּאָרטירט און די פינאַנץ-מיניסטאָרן האָבן אַריינגעבראַכט דעם מלוכה-אוצר קוים אַן ערך פון 300,000 גילדן, האָט זיך אויסגעצייכנט דער ייד בצלאל, און האָט פאָרגעלייגט אַ סומע פון פיר הונדערט טויזנט" 1).

דער פינאַנץ-מיניסטער האָט זיך דערפרייט מיט דער דאָזיקער אָפּערטע און זייט דאַן אָן האַלט בצלאל בערך 15 יאָר אין אָרענדע די צאָל-שטייערן פון אַלע קאַמערן פון דרום-מזרחדיקן טייל פון פוילן און אַלס אַזעלכער קאָנטראָלירט ער די באַאַמטע און אינטענדענטן פון די דאָזיקע קאַמערן, גיט אַרויס קוויטונגען און נעמט אָב חשבונות. שוין דער טיטול זיינער באַווייזט, אַז ער פאַרנעמט אַ הויכן פּאָסטן. „יעקב בצלאל, אַדמיניסטראַטאָר פון די קרוין-צאָלן פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט". די דורך אים אַרויסגעגעבענע דאָקומענטן האָבן דעם כאַראַקטער פון עפנטלעכע אַקטן: „איך, יעקב בצלאל, צאָל-אַדמיניסטראַטאָר פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט — לעזן מיר אין איינעם פון אַזעלכע דאָקומענטן פון יאָר 1688 2) — בין מודיע די, וועלכע דאַרפן וועגן דעם וויסן, אַז פונם געאַכטעטן ה׳ מיקאָליי מיכאַלעוויטש, זיין פרוי און די יורשים פון פאַר־שטאָרבענעם עאוסטאַכי געאָרגעוויטש א. אַז. וו. א. אַז. וו. האָב איך איינ־געקאַסירט און אַמאָרטיזירט די צאָל-שטייערן, וועלכע זענען צו זיי איינ־געפלאָסן פון די אָריענטאַלישע סוחרים אין די נעבן-קאַמערן פון קלעמענטאָוו, האָראָדין, שניאַטן, טשערנאָביל, לוצק און אַנדערע, וועלכע זיי האָבן געהאַט אין אַרענדע אין די יאָרן 1680 און 1681. אַזוי איז געשען אין דער לעמבערגער קאַמער, אין מיין צאָל-רעזידענץ, דעם 14-טן יאַנואַר 1688".

1) Konopczyński Dyaryusz Sejmowy .י 1748, זייט 97.

2) שטאָטישער אַרכיוו אין קראָקע, — .1492 .ז Relationes crac., tom 119

אַן אַנדער מאָל באַשטעטיקט בצלאל 1), „אַז ער האָט ערהאַלטן פון ה׳ לוקאַש ווינקלער, סוב-אינטענדענט פון די קליין-פוילישע צאָלן, רשימות פון צאָל פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט, מלוכהשע אַסיגנאַציעס, חשבונות א. אַז. וו. אַנולירט אַלע פרעטענזיעס בנוגע דער צאָל-אַדמיניסטראַציע, וואָס ער באַשטעטיקט מיט זיין אונטערשריפט לעבן דער חתימה״...

די דאָזיקע הויכע שטעלע, וועלכע איז געווען באַזעצט דורך אַ ייד אין דער צייט, ווען אַנדערע יידן און בכלל אַנדערע נישט-קאַטאָליקן זענען געווען בלויז אומגלויביקע, אַבערגלויביקע, און געפאַלן צו די פיס פאַר אַיעדן, וועלכער האָט נאָר געהאַט דעם מוט אויף זיי דאָס מויל צו עפענען, איז געווען אַ וווּנדערבאַרע ערשיינונג. די רייסישע שליאַכטע, וועלכע האָט געריזט איבערן גרענעץ-שליאַך, האָט געמוזט דעם ייד, אָדער זיינע משרתים, אויפווייזן, אַז זי פירט אייגענע סחורה, און די לעמבערגער מיעשטשאַנעס, וועמען מען האָט נישט איין מאָל ביי דער ראָגאַטקע קאָנפיסקירט די סחורות, פון וועלכע עס איז נישט געווען אָפּגעצאָלט קיין צאָל, פלעגן ווערן מלא כעס. אינם לעמבערגער ראָטהויז, אין די פריצישע שלעסער און אויף די שליאַכעצקע הויפן האָט מען דערציילט וועגן דעם דאָזיקן ייד אויסטערלעשע זאַכן. „ער זיצט זיך אין קאַמער און האַלט אַ קריסטוס-בילד אונטער דער באַנק. ווען עס פאָרט דורך אַ שליאַכטשיץ, נעמט ער אַרויס דאָס בילד, גיט עם צו שווערן דעריבער און דערנאָך וואַרפט ער עס מיט גרינגשעצונג צוריק אַרונטער אונטער דער באַנק״. די פאָלקס-מאַסע האָט גערן אין דעם געגלויבט, פאָרשטעלנדיק זיך, אַז דער דאָזיקער בצלאל — אַ מיליאָניקער עושר — זיצט אַליין ערגעץ אויפן „שליאַבאַן ביים שאָסיי״ און נעמט אָפּ גראָשנס פון די דורכפאָרנדע. און יעדן ייד, וועלכער האָט אָפּגענומען אַ גראָשן בריק- אָדער וועג-אָפּצאָל, האָט מען געזען אַ „בצלאל״, אַזעלכן, וועלכער באַרייסט שרעקלעך דאָס גאַנצע לאַנד. נאָכגעפרעגט דעם לעמבערגער מאַגיסטראַט, וואָס פאַר אַ מין מוראדיק יידל דאָס איז, און דער שטאָט-שרייבער פון לעמבערג האָט מיט שמערץ געענטפערט, אַז די דאָזיקע אומגלויבלעכע מעשיות, וועלכע ווערן פאַרציילט, די מאַגיסטראַטן פון די קעניגלעכע שטעט האָבן זיך אין אייליעניש

1) דאָרט, באַנד 120, זייט 2340.

זענען אמת, און געבעטן אין נאָמען פון די „הערן ראַטמענער, לאַווניקעס און פערציק בייראַט-מיטגלידער״ וועגן אַן עצה און הילף. אַלס ענטפער אויף דער דאָזיקער מיטטיילונג האָט דער וואַרשעווער מאַגיסטראַט אויסגעדריקט זיין מיטלייד, „אַז אין פוילן איז שוין דער-גאַנגען דערצו, אַז אַ ייד האַלט אין אַרענדע די קעניגלעכע צאָלן און רייסט די הויט פון די לעמבערגער סוחרים. אין וואַרשע געשעען נישט אַזעלכע זאַכן, ווייל מען לאָזט צו אַזעלכעס באַצייטנס נישט צו״ 1690).

דעסגלייכן דער בירגערמייסטער און די מאַגיסטראַט-מיטגלידער פון פויזן דאַנקען פאַר דער ידיעה וועגן דעם דאָזיקן יידישן צאָל-אַרענ-דאַטאָר און זאָגן צו הילף און זיך משתדל זיין דאָרט, ווי מ׳ברויכט (פויזן 13 אַפּריל 1690. 1)

אַזוי האָט זיך גערודערט אין גאַנץ רייסן און זאָגאַר אין אַנדערע פוילישע פּראָווינצן, און בצלאל – שטיצנדיק זיך אויף זיין פּראָטעקציע ביים קעניג און פינאַנסיעלע באַציונגען מיטן מלוכה-אוצר – איז זיך ווייטער געזעסן „אין זיין רעזידענץ אין דער לעמבערגער קאַמער״ און אָפּגענומען רעכענונגען און געלט. עס האָט זיך אָבער אויף אים אָנגע-זאַמלט אַ שטורעם, וועלכער האָט, ווי אַ דונער, באַדאַרפט אַ זעץ טון אין זיין „אומגלויביקן״ קאָפּ.

אויפן גראָדנער סיים פון יאָר 1693 האָבן די דעפּוטאַטן באַרירט דעם דאָזיקן ענין און פאָרגעוואָרפן בצלאלן, אַז ער באַגנבעט דעם מלוכה-אוצר און מאַכט חוזק פון דער קריסטלעכער רעליגיע, האַלטנדיק אין זיין קאַמער אַ קרייץ אונטער דער באַנק. איינער פון די דעפּוטאַטן האָט דערציילט, אַז ווען מען האָט בצלאלן געפרעגט, פאַרוואָס ער וואַרפט זיך אַזוי מיטן צלם, זאָל ער האָבן געענטפערט, אַז „ער איז נישט מער ווערט״. אַן אַנדערער דעפּוטאַט האָט דערמאָנט עפּעס אַן אַלטן חטא פון דעם יאָר 1685, ווען מ׳האָט בצלאלן באַשולדיקט, אַז ער האָט בשותפות מיט פשעמישלער שמוקלערס באַגנבעט דעם מלוכה-אוצר אויף 4500 גילדן, און נאָך אַן אַנדערער דעפּוטאַט האָט זיך באַקלאָגט, אַז דער ליטווישער הויף-מאַרשאַל קאַרל דאָלסקי, וואָס האָט געפּאַכטן ביי דער לעמבערגער קאַטעדרע די גיטער לעבן קאָמאַרנאָ

1) אַרכיוו פון דער שטאָט לעמבערג, בריוו 20 און 27.



10. פאָליש פון דער אַלטער שול אין קראָקע.



11. די אַלטע שול אין קראָקע (פון אינעווייניק).

האָט „מיט באַליידיקונג פון דער קאַטוילישער קירכע" געוואָגט די דאָזיקע גיטער אָפּצודינגען בצלאלן (1). דער סיים האָט באַשטימט אַ באַזונדערע קאָמיסיע צום אויספאָרשן די גאַנצע זאַך. דער סיים איז אָבער, ווי פיל אַנדערע, איבערגעריסן געוואָרן און דער ענין-בצלאל איז ערגעץ-ווו פאַרפאַלן געוואָרן (2).

צי האָט בצלאל ווייטער געהאַלטן אין אַרענדע די רייסישע צאָלן, צי איז ער געווען אויף דער פריי, אָדער צי איז ער גאָר איינגעזעצט געוואָרן אין תפיסה אַריין? אויף די דאָזיקע פראַגן איז שווער צו ענטפערן צוליבן מאַנגל אין אַרכיוואַלע דאָקומענטן. נאָך אין יאָר 1699 באַשליסט די רייסישע שליאַכטע אויפן סיימיק אין סאָנדאָווא ווישניאַ, אַז מען זאָל צוציען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט די שטאָט סאַמבאָר, „אַלס שולדיקע דערין, וואָס בצלאל איז אַוועק פון געפענגעניש" (3). באמת אָבער – כאָטש מען האָט זיך אַזוי געוואָרפן אויף זיין פערזאָן – האָט שוין דאַן בצלאל זייט עטלעכע יאָר גערוט אויפן יידישן בית-עלמין אין זשולקעוו. דאָרט זעען מיר – צווישן אַנדערע – אַ מצבה מיט פאָלגנדן נוסח:

פ"נ האלוף הקצין הנדיב מו"ה בצלאל מוכסן
בהר"ר נתן ז"ל. כל ימיו היה מחזיק לומדי תורה.
נפטר יום ב' י"ט תשרי תנ"ז לפ"ק (1696)
ת'נ'צ'ב'ה (4).

ווי מיר זעען איז בצלאל געשטאָרבן אין דעם יאָר 1696 און האָט איבערגעלאָזט זיינע געשעפטן און זיין פאַרמעגן זיין זון ר' נתן און זיין איידעם ר' הענאַך, און צו זיי האָבן אויסגעלאָזט דעם כעס פאַרשידענע פריצים און גלחים, וואָס האָבן געפירט געשעפטן מיט זייער פאָטער און שווער. ס'איז געקומען צו פאַרשידענע פראָצעסן און אין-איינעם מיטן גלח דעמעטריוס טשערניעווסקי זענען ביידע שוואָגערס

(1) Prochaska: Judka Sapajłowicz. (Przewodnik nauk.-literacki 1920, tom 46 str. 730.

(2) Schudt: Jüdische Merkwürdigkeiten, Frankfurt a|M, tom I, str. 214.

(3) Lauda Sejmików wiszyńskich, (אַרויסגעגעבן דורך פראָכאַסקאַ), tom II, № 119, 28.

(4) קריה נשגבה, זייט 20.

מ. באַלאַבאַן

פאַרמשפט געוואָרן צו גאָר אַ שווערע שטראָף. אָבער קיין גרויסע ראָלע האָבן נישט ר׳ נתן און נישט ר׳ העניאַך אין דער וועלט נישט געשפּילט, זייער נאָמען איז געווען באַקאַנט קוים אין די ד׳ אמות פון דער שטאָט זשולקעוו.

אַנדערש איז געווען מיט בצלאלן, אַפילו נאָך זיין טויט. דער גרויסער עולם האָט נישט געוואָלט גלויבן, אַז ער איז געשטאָרבן, אַז אַזאַ ייד קאָן איבערהויפּט שטאַרבן. די פאַנטאַזיע פון דעם פאָלק האָט אויס אים געמאַכט אַ כּישופמאַכער, וואָס לעבט אייביק, און אין סאַטירישע געדיכטן האָבן פוילישע דיכטער דערציילט פון אים נסים ונפלאות. איינע פון די סאַטירעס האָט איבערגעזעצט אויף לאַטייניש טענצעל אין זיין צייטשריפט: מאָנאַטלעכע אונטעררעדונגען (זייט 347, יאָרגאַנג 1694), פון דעם האָט עס אין אַ דייטשער איבערזעצונג איבערגעגעבן יאָססמאַן אין זיין „יודענהערץ״ און ביידע האָט איבערגעדרוקט שודט אין זיינע „יידישע מערקווירדיקייטן״ (באַנד I זייט 214 פראַנקפורט א/מ 1714). פון דעם אינטערעסאַנטן געדיכט גיב איך דאָ דעם סוף:

„אונד ווי דעם יודען האָט זיין ווערק ניכט מעהר געניטצעט, אַלס דאָס ער זיך ערהינג, זאָ אויך דער הימעל בליטצעט אויף דיעזעס ריכטערפאָלק, דער העלענספלוך זי זוכט, ווען בצלאלס גאָלד זי ניכט, ווי דען פעררעטער ווירגט, זאָ ווירד אים טאָדע דאָך זיע לעגען אויף דער באַהרע אונד אינס פערדערבען ציעהען! געשענק! פערפלוכטע וואַרע! צום גאַלגען געה׳, דו יוד׳! איין קריסט פאַר גאָט זיך פורכט״.

# זלמן דער ראש־הקהל פון דראָהאָביטש

## (היסטאָרישע סקיצע)

### I

### דער ועד־המדינה אין בויבעריק 1)

ס׳איז געווען אין יאָר 1753. ר׳ בעריש, דער שניידערשער אין בראָד און דער פרנס־הועד פון דער מדינה לעמבערג 2), האָט געהאַט אין ועד אַ סך אַרבעט. ער איז געקומען קיין בויבעריק עטלעכע טעג פאַר דער זיצונג, כדי ער זאָל קאָנען פאָרברייטן דעם סדר־היום און איבערשמועסן מיט די שמאים (שאַצערס) וועגן דער פאַרטיילונג פון דעם קאָפּ־שטייער. ס׳איז אַפילו געווען אַ „שליסל" נאָך פון דעם ועד־בורשטין פון יאָר 1714, לויט וועלכן מען האָט פאַרטיילט די שטייערן צווישן די קהלות, נאָר ווער האָט זיך געקאָנט ביי דעם „שליסל" האַלטן?

ס׳איז שוין אַוועק פון דער צייט אַן ערך 50 יאָר. די חובות פון דער מדינה זענען געווען געוואַלדיק גרויס, די מלווים האָבן געדריקט פון אַלע זייטן. און דאָ האָבן די קהלות נישט געוואָלט נאָכגעבן אַפילו איין גולדן. און וואָסער עקשנות! קוים האָט מען שצערזשעץ אויס־געטיילט פון דער קהלה אין קאָמאַרנאָ, איז שוין דאָ אַן אָנקלאַגע

1) בויברעק־בוברקא, אַ שטעטל לעבן לעמבערג, דאָרט זענען פאָרגעקומען עטלעכע ועדי המדינה פון דעם גליל לבוב. די אַקטן און רעכנונגען פון דעם ועד זענען אַנטהאַלטן אין דער אָסאָלינסקישער־ביבליאָטעק, כתב־יד נ״ר 303, ווי אויך אין אַ סך דאָקומענטן אין דעם מלוכה־אַרכיוו אין לעמבערג

2) ר׳ ישכר בער באַב״ד איז געווען דער זון פון דעם סקאָלאַטער רב ר׳ וואָלף און דער פאַטער פון דעם ערשטן גאַליצישן רב־מדינה ר׳ אריה־לייב בערנשטיין.

אין דער ראַדעמער קאָמיסיע. האָט מען דער סאַנאָקער קהלה מוסיף געווען נאַרישע 300 גולדן, איז שוין געווען אַ געוואַלד וועגן „אונטערדריקונג"!

און ערשט נאַ דיר אַ סדרה רזשעוווסקי! דער ווילדער פריץ האָט אין זין נאָר זיינע שטעטלעך: ראָזליי און כאָדאָרוּוו, גלייך ווי ס'וואָלט אין דער וועלט קיין אַנדערע שטעט נישט געווען. יאַריטשעוו פאַרלאַנגט אַ געוואַלדיקע הנחה, גלייך ווי אַ שרפה וואָלט געווען אין פוילן אַ זעלטנהייט, און מיט דער שטאָט לעמבערג קאָן מען שוין גאָרנישט אויסהאַלטן – תמיד אַ קאָנטראָלע, אייביק אָנקלאַגעס. און ר' חיים כהן 1), ווי שטאָלץ ער איז אויף זיין רבנות און זיין משפחה! און דערמאָנענדיק זיך אין דעם לעמבערגער רב האָט ר' בעריש געטון אַ קריץ מיט די ציין. נישט איין פאָרוווּרף וועט ער אים מאַכן אויף דעם ועד און וועט אים נישט איין עולה נאָכווייזן! און באמת, וואָס איז, ווען ער, ר' בעריש, האָט אַפילו מיט זיין פולמאַכט געמאַכט צוויי הלואה-געשעפטן? און וואָס גייט דען דאָ, אין נאַרישע טויזנט רייניש?! אויף דעם אַרבעט ער דאָך, ער פאָרט, דרייט זיך, פאַרלירט צייט און דאָס קאָן ער דאָך נישט מאַכן פאַר די 500 רייניש פענסיע! אַזוי האָט געקלערט ר' בעריש און אין זיין האַרץ איז רייף געוואָרן דער פלאַן דעם לעמבערגער רב צו פאַרניכטן.

שוין לאַנג האָט מען געקלערט אויף די ועדים צו טיילן דאָס לעמבערגער לאַנד-רבנות. יאָ, דאָס וועט זיין דער גרעסטער קלאַפּ פאַרן לעמבערגער רב און ר' בערישס גרעסטער נצחון. און דעם פלאַן וועט אויספירן טאַקע ער אַליין, ר' בעריש. דווקא קיין לאַנדרב נישט, אָבער דערפאַר דער ראש-המדינה דגליל לבוב! 2).

אין אַזעלכע געדאַנקען פאַרטיפט האָט ר' בעריש דורכגעקוקט די רעכנונגען און געאָרדנט די פאָוויעסטקעס, נאָכגעקוקט די פולמאַכטן און אויסגעשריבן די שטייער-טערמינען פאַר דעם חודש יולי. אין דעם

---

1) ר' חיים-כהן ראַפּאָפּאָרט, רב אין לעמבערג (1741—1771) האָט געהאַט אַ סך שונאים.

2) די מדינה איז געטיילט געוואָרן אין צוויי חלקים. אַ צווייטער לאַנד-רב איז געוואָרן ר' מאיר מרגליות אב"ד אין קאָמאַרנאָ, דער בעל המחבר פון דעם ספר „מאיר נתיבים".

גרויסן פּאַק אַקטן, וואָס האָט פאַרנומען דעם גאַנצן טיש, האָט ער באַמערקט אַ בריוו פון ר׳ אברהם ר׳ חיימס פון לובלין, דעם פּרנס-הועד פון ד׳ ארצות. ר׳ אברהם שרייבט אים וועגן אַ סכסוך צווישן די דראָהאָביטשער יידן און זייער ראש-הקהל ר׳ זלמן בן וואָלף. דעם סכסוך האָט מען געדאַרפט ערליידיקן נאָך אין יאָר 1752 אויף דעם גרויסן ועד אין קאָנסטאַנטינאָוו, ס׳איז אָבער דאַמאָלסט קיין צייט נישט געווען און דערפאַר האָט מען אים, לויט אַ פאָרשלאַג פון ד׳ ארצות, איבערגעגעבן דעם ועד-מדינה.

— פאַרברענט האָט ער געזאָלט ווערן, שמעון דער שתדלן, איידער ער האָט געמאַכט דעם פאָרשלאַג. וויניק צרות האָב איך מיט לעמבערג, גיט ער מיר צו דראָהאָביטש! וועמען זאָל איך דאָ גערעכט געבן: זלמנען, צי דער קהלה? דער ווילדער סכסוך שלעפּט זיך שוין יאָרן; כ׳פאַרשטיי, אַז אַזוי לאַנג ווי די טאַרלאָווע איז געווען אַ סטאַראָשטשינע, האָט געקאָנט הערשן זלמן. אָבער אַצינד איז דאָרט דאָ אַן אַנדערער סטאַראָסטאַ!

איבערגעריסן די געדאַנקען האָט ר׳ בערישן דער נאמן-המדינה, ר׳ פינחס פון סוויערזש 1):

— ס׳איז נישטאָ קיין צייט, ר׳ בעריש, ס׳איז נישטאָ קיין צייט, ס׳זענען שוין דאָ אין שטאָט די מנהיגים. אויך איז געקומען מעכ״ת ר׳ חיים הכהן, איילט זיך טאַקע צו, פּרנס!

באמת איז שוין געווען שפּעט. אויף דריי נאָכמיטאָג איז געווען באַשטימט די ערשטע זיצונג און ס׳האָט שוין קיין סך צו פינף נישט געפעלט. ר׳ בעריש האָט צוגעקנעפּלט די קאַפּאָטע, אָנגעטון אויף דער יאַרמאָלקע דעם קאַשטורענעם קאַפּעלוש און ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט פינחסן אין בית-המדרש אַריין, וווּ עס זענען געווייגלעך פאָרגעקומען די זיצונגען פון די ועדים. אויף דער גאַס האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם און די מענטשן האָבן געוויזן מיט די פינגער אויף ר׳ בערישן

1) ר׳ פינחס איז געווען נאָר פאַרמעל רב אין דעם גאָר קליינעם שטעטל סוויערזש (לעבן לעמבערג), באמת האָט ער זיך באַשעפטיקט מיט מדינה-ענינים. ער איז געווען זייער רייך, זיין פאָטער איז געווען דער רייכסטערייד אין לובלין, ר׳ אברהם ר׳ חיימס פון דער משפחה האַלפּערן, פּרנס-הועד ד״ד ארצות, און זיין שווער איז געווען ר׳ איסר פון זשולקעוו, דער געוועזענער פּרנס-המדינה.

און פינחסן: — וואָס פאַר אַ שיינער ייד ס'איז דער פרנס-הועד! — האָט באַמערקט איינער פון די נייגעריקע. — „אַי וואָס, קוק אָן דעם נאָמן. דאָ זעט מען אַ משפחה און אַ יחוס!" — האָט איבערגעריסן מיט אומגעדולד אַ צווייטער — „ווייסטו דען וועמענס זון ער איז? זיין פאָטער איז דאָך דער באַוווּסטער פרנס-הועד פון ד' ארצות און דער גרעסטער עושר אין לובלין. אָט דער פאָטער זיינער, ר' אברהם ר' חיימס האָט געבויט אין לובלין אַ שול, און דווקא אַ גרויסע. אַלע זיינע ברידער זענען רבנים, גדולי-התורה, ער אַליין איז אויך אַ צנא מלא ספרא".

אַזוינע און ענלעכע באַמערקונגען בנוגע דעם יחוס פון די מנהיגים זענען געפאַלן צווישן דעם עולם, וואָס איז אַלע מאָל גרעסער געוואָרן און אַלעמאָל מער פאַרשטעלט דעם וועג. ר' בעריש מיט ר' פינחסן האָבן זיך קוים געקאָנט אַדורכשטופן. אַלע האָבן געשריגן: „מאַכט פלאַץ!" און קיינער האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן, נאָר יעדער האָט זיך צו זיי ביידן אַדורכגעשטופּט און האָט זיי געגעבן „שלום". באַלד איז אָבער געקומען צו לויפן פאַרסאַפּעט דער שמש און שלאָגנדיק מיט די פויסטן אויף רעכטס און לינקס, האָט ער געשריגן בקול-רם: „אַוועק, מאַכט פלאַץ, ס'גייען די גדולי הדור, די קציני ישראל, אַוועק, שקצים!". הערנדיק די ווערטער, האָט דער עולם טריט ביי טריט אָפּגערוקט זיך און דער פרנס מיט דעם נאָמן זענען אַריין אין הויף פון דעם בית-המדרש. אין דער טיר איז געשטאַנען דער לאַנד-משמש מיט עטלעכע מאַגיסטראַט-פּאַכאָלקעס און האָט אַריינגעלאָזט נאָר דעפּוטאַטן צום ועד און שיינע שטאָט-בעלי-בתים.

פון דער וויטנס האָט דערהערט ר' סנדר — אַזוי האָט געהייסן דער לאַנד-משמש — דאָס קול פון דעם שטאָט-משמש, און עפענענדיק די טיר אין דער ברייט, האָט ער אַ רוף געטון כהאי לישנא: „רבותי, שאַטץ!". „שאַטץ, רבותי!" — האָט איבערגעחזרט יאָשע דער מדינה-שרייבער און האָט געגעבן דריי מאָל אַ קלאַפּ מיט דעם פּראַלניק.

ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די באַראַטונגען. מ'האָט אויסגעקליבן די שמאים פאַר די נייע שטייערן און קאָנטראָלערן פאַר די פאַראַיאָריקע אַסיגנאַציעס. די באַראַטונגען האָבן זיך געצויגן עטלעכע טעג. אַממערסטן צייט האָט אַוועקגענומען דער סכסוך מיט לעמבערג. ר' בעריש האָט נוט געוווּסט, אַז ר' חיים כהן וועט אים נישט איין ביטערן טראָפּן

געבן צו שלינגען. ענדלעך האָט דאָס אויך גענומען אַ סוף. דעם 20טן יולי האָט מען אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך מיט דעם לעמבערגער קהל, געהייסן אים איבערזעצן אויף פויליש און אַריינגעטראָגן אין סאָנד.

איצט איז געקומען די דראָהאָביטשער מעשה אויף דעם סדר-היום. ר׳ בעריש האָט שוין פאַרלאָרן זיין געדולד. די באַראַטונגען האָבן זיך שוין געשלעפּט אַ פּאָר טעג. מ׳האָט זיך געקריגט און געמוסרט. מ׳האָט געדראָט מיט קלאָגען צו דעם ועד ד׳ ארצות אין יאַראָסלאַוו. ר׳ בעריש האָט מורא געהאַט פאַר דעם פרנס-הועד ר׳ אברהם ר׳ חיימס און דערפאַר האָט ער געוואָלט ערליידיקן דעם דראָהאָביטשער סכסוך.

די פולמאַכט פאַר די אָסאָלינסקעס! די נאַרישע טויזנט רייניש! וויפל האָט מען אים דערפאַר אָנגעזידלט... נאָר גוט, אַז ס׳איז שוין אַריבער!

„אַריינלאָזן די דראָהאָביטשער!"

די דעפּוטאַטן האָבן זיך אויסגעצויגן אויף זייערע בענקלעך. יעדער פון זיי האָט געמאַכט אַן ערנסטע מינע. מען האָט זיך אויפגעהערט אויף אַ ווײַלע צו קריגן. מען האָט געוואָלט דעם עולם ווייזן, אַז מ׳איז באמת טאַקע מנהיגי הדור, קציני ישראל.

אַריינגעקומען זענען פינף יידן און האָבן זיך טיף פאַרבויגן פאַר ר׳ בערישן און פאַר ר׳ חיים כהן.

„טייערער פרנס און הייליקער רבי, — האָט אָנגעהויבן לייב דער בעקער — זייט אונז מוחל, וואָס מיר קומען מיט אַ קלאָגע אויף אונזער ראש-הקהל, אויף אונזער מנהיג, אונזער קרוין. זלמן ר׳ וואָלפס איז אַ שרעקלעכער מענטש, וויפל אומגליקן האָט ער אויף אונז געבראַכט, וויפל טרערן האָט ער אַרויסגעצאַפּט פון אונזערע אויגן, און וויפל געלד פון אונזערע קעשענעס. זינט דאָס פאָלק ישראל איז אין גלות האָט קיין שום שטאָט נישט געהאַט אַזאַ פּלאָג, אַזאַ שטראָף. לענגער קאָנען מיר שוין נישט אויסהאַלטן. אַלע פאַרדינסטן נעמט ער אונז צו, די ווידערשפעניקע שלאָגט ער מיט נאַהייקעס און מיט שטעקנס, און די פּעטש איז גאָרנישט איבערצוציילן. איך אַליין צאָל אים אַ סך געלט זינט אַכט יאָר פון מיין בעקעריי, אַנדערע צאָלן נאָך מער. אויפן יריד מוזן די סוחרים שטיין פאַר זיין הויז, אָדער פאַר די הייזער פון

זיינע קרובים, און ווען עס קומט צו דער טאַקסע, באַפרייט ער זיינע קרובים און רייסט די הויט פון די אָרעמעלייט; וואָרים ער אַליין באַשטימט די טאַקסע און קיינער טאָר אים קיין דעה נישט זאָגן. ער אַליין האַנדלט מיט ווין און מיט אייזן. ער איינער איז אַ „פריץ”, און ווי וואָלט געווען דעם, וואָס וואָלט אים דערווידער געווען. אַנומלט האָט מען דעם לאָמען משה פאַרשלעפט אין דער קהל־תפיסה און דאָרט אים געשמידט אין שווערע קייטן און געהאַלטן ביי ברויט און וואַסער. „מיר דערציילן אייך דאָס נישט פאַר קנאה און נישט פאַר שנאה, נאָר פאַר צרות און ליידן, די טרערן פון אונזערע קינדער זאָלן פאַלן אויף זיין קאָפ. און איר, פרנסים, גיט אונז אַן עצה, ווי פטרט מען אַזאַ רשע”.

לייב דער בעקער האָט געענדיקט.

די מנהיגים זענען נישט געווען צופרידן פון דער רעדע. ר׳ בעריש איז געוואָרן אומגעדולדיק. ער איז געווען מיד, און אויסער דעם האָט ער בכלל פיינט געהאַט די אייביקע קלאָגן פון דעם פראָסטן עולם. ער האָט אַ קוק געטון אויף דער דעפוטאַציע, וועלכע איז באַשטאַנען פון בלויז בעלי־מלאכות און ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין אייגענער פירונג אין בראָד און אין דער מדינה און ער האָט שוין געוואָלט מאַכן אַ סוף צום ענין. ס׳האָט זיך אָבער אַריינגעמישט ר׳ חיים כהן מיט אַ קשיא: „אַלץ אמת, וואָס איר זאָגט, יידן, אָבער פאַרוואָס האָט איר אים געוויילט פאַר אַ ראש־הקהל, פונוואַנען וואַקסט ער, ווער איז זיין משפחה?!”. „ווידער פרעגט ער אויף דער משפחה — האָט זיך געטראַכט ר׳ בעריש — און ער האָט אָנגעהויבן זיך צוצוהערן צו די ווערטער פונעם דראָהאָביטשער בעקער. „זלמנס טאַטע, דערציילט לייב דער בעקער, האָט געהייסן וואָלף. ער איז געווען אַן אָרעמער קירזשנער. אין דער יוגנט איז געווען זלמן אַ קאַסיר ביי די זאַלץ־גרובן. געווען אַ גרויסער נצרך, ער האָט אָבער ווייניק פאַרדינט. עס פאַסט נישט דאָ פאַר אַן עדה יידן צו דערציילן, אויף וואָס ער האָט זיין געלט אויסגעגעבן. איך וויל דאָ נאָר באַמערקן, אַז ער איז געווען אַ בחור, כאָטש ער איז שוין געווען איבער אַכצן יאָר אַלט. כ׳קאָן אייך נישט זאָגן, ווי אַזוי ס׳האָט אויסגעזען זיין „קעסטל”, מענטשן דערציילן, אַז ביי דער קאָנ־טראָלע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס פעלט געלט און דאַמאָלסט האָט

זלמן געוואָלט פטרן דעם קאָנטראָלער און האָט אַזוי געטון, אַז יענער איז אינדערפרי נישט אויפגעשטאַנען". „וואָס האָט ער געטון?" — האָבן געגעבן אַ געשריי אַלע דעפוטאַטן צוזאַמען. — „מיר זענען דאָ צווישן אונז, יידן, — האָט ווייטער געזאָגט לייב דער בעקער און ער האָט זיך פאַרנייגט ביז צו דער ערד, — ס'איז דאָ נישטאָ קיין פרעמדער, מעג איך דאָס אַלץ זאָגן: ער האָט אים געסמט". — „איר זענט אַ מלשין! — האָט געגעבן אַ געשריי ר' בעריש — צי מעג מען אַזוינס זאָגן אויף אַ ייד, אויף אַ טאַטע פון קינדער, אויף אַ פרנס-החודש!" — „דאָס איז אוממעגלעך!" — האָבן איבערגעחזרט די איבריקע. אָבער לייב דער בעקער האָט זיך נישט געלאָזט שטערן און האָט פאָרגעזעצט זיין אָנקלאַגע.

„ס'איז אמת, רבותי, איך שווער עס אייך בחרם. מ'האָט איינגעזעצט זלמנען אין תפיסה און דאָס שטאָט-געריכט האָט אים געהייסן שרעקלעך פייניקן. דער פסק-דין איז אָבער געווען נישט קיין שטרענגער; מען האָט אים אָפגעריסן אַ האַלבן „סטאַן", אויסגעציילט הונדערט ריטער און מען האָט אים אַרויסגעטריבן פון דער שטאָט. איך געדענק, כאָטש עס זענען שוין אַוועק 24 יאָר, ווי ווייבער האָבן געוויינט און זיין מאַמע האָט געקושט די הענט פון בירגערמייסטער און די לאַווניקעס. הלוואי וואָלט מען אים דאַמאָלסט געווען אויף טויט געשמיסן דעם רויבער! — ליידער איז דאָס דאַמאָלס נישט געשען. אין אַ פאָר יאָר אַרום איז געשטאָרבן דער דראָהאָביטשער סטאַראָסטאַ, דער פריץ כאָמענטאָווסקי, זיין ווייב האָט אַמאָל ליב געהאַט זלמנען, ווייל ער איז געווען אַ שיינער ייִנג און זי אַ יונגע אלמנה. דער שטאָט-שרייבער האָט אַרויסגעריסן פון די אַקטן דריי בלעטער מיט דעם פסק-דין און זלמן איז אַהיים געקומען גלייך ווי גאָרנישט ער. איר ווייסט, רבותי, אַז די דראָהאָביטשער סטאַראָסטווע איז זייער רייך און באַלד באַקומט זלמן ביי דער פריצה אין אַרענדע אַלע פאָלוואַרקעס, אַלע גרובן און אויך פראָפינאַציע, וואָס איז געווען פאַרזעצט ביים דעם פאַרשטאָרבענעם פריץ. דאָס איז געווען אַ קלאַפ פאַר דער גאַנצער שטאָט, אַלע יידן האָבן זיך געמוזט אונטערגעבן זיין באַפעל און ווער עס האָט געוואַגט אים דערווידער צו רעדן, דער האָט פאַרלוירן זיין ברויט און האָט

נישט געהאַט מער וואָס צו טון אין שטאָט. און זלמן איז געווען אַ נוקם ונוטר, האָט געוואָלט רעגירן; ער, אַן אָרעמען קירזשנערס אַ זון, האָט געהאַט די העזה צו ווערן אַ ראש־הקהל. פונקט אין יענעם יאָר איז געשטאָרבן דער אַלטער ר׳ חיים און אַזוי ווי אַלע יאָר אין חול־המועד פסח זענען צוזאַמענגעקומען אין שול די בעלי־בתים, כדי צו וויילן אַ ניי־קהל; שוין האָט מען על־פי גורל געווײלט פינף בוררים און זיי האָבן געוואָלט צוטרעטן צו דער וואַל. אָבער פּלוצים זענען אָנגעקומען פויערן פון ריכטשיצע מיט שפּיזן און קאָסעס און האָבן אַרומגערינגלט די שול. אין שול אַריין איז געקומען דער ה׳ ביעלסקי, דער עלטסטער פון דעם דראָהאָביטשער פּאָלוואַרק און ער האָט פאָרגעלייגט אַ פולמאַכט פון דעם דראָהאָביטשער סטאַראָסטאַ. די בוררים האָבן זיך דערשראָקן, זיי האָבן געזען, אַז דאָס איז נישט קיין קאַטאָוועס, דער ה׳ ביעלסקי האָט געהייסן באַלד אויסשטרייכן אַנדערע נעמען און קלויבן זלמנען פאַר אַ ראש־הקהל. כך הוה, זלמן איז געוואָרן אַ פּרנס העיר און אין צוויי חדשים אַרום איז געוואָרן זיין איידעם, שמואל ר׳ לייבס, אב״ד אין דראָהאָביטש.

דער בעקער האָט געענדיקט און האָט אויפגעהויבן זיינע מיט טרערן פולע אויגן צו די דעפּוטאַטן. ס׳איז אויפגעשטאַנען ר׳ בעריש און האָט געהייסן אַרויסגיין די דראָהאָביטשער, כדי מען זאָל קאָנען בנימוס איבעררעדן וועגן דער זאַך.

— איך זע נישט, רבותי, — זאָגט ר׳ בעריש, — אין וואָס ס׳ליגט די שולד פון זלמנען. דער ערב־רב איז קיינמאָל נישט צופרידן און ווו ער קאָן, מסרט ער אויף זיינע מנהיגים.

— איר האָט רעכט, — האָט באַמערקט ר׳ משה אב״ד פון לינסק, — דעם געמיינעם עולם קומט תמיד אַ רעשט. איך האָב ביי מיר אין שטאָט געהאַט אַ ענלעכן ענין. איך האָב אָבער קיין שום דעפּוטאַציעס נישט צוגעלאָזט, איך האָב אַריינגעזעצט די שקצים אין דער תפיסה און אַן עק.

דאָס רוב פון די דעפּוטאַטן איז שוין געווען אומגעדולדיק. דער דראָהאָביטשער ענין איז געווען אַזוי נאַטירלעך, אַז מען האָט נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי ס׳קאָן זיין אַנדערש און מען האָט אָנגעהויבן צו האָבן טענות צו ר׳ בערישן פאַרוואָס ער האָט געלאָזט דעם בעקער אַזוי

לאַנג רעדן. ר׳ בעריש האָט זיך גוט געקענט אויף זיינע מענטשן. באַלד האָט ער געלאָזט אָפּשטימען איבערן ענין און די דראָהאָביטשער זענען אַהיימגעפאָרן מיט גאָרנישט, אין שרעק פאַרן כּעס פון זלמנען. די דעפּוטאַטן האָבן גענומען זייערע רייזע־הוצאות ווי אויך צדה לדרך און זענען אַהיימגעפאָרן. אין בויבעריק זענען פאַרבליבן אין דער אַכסניה נאָר ר׳ בעריש, ר׳ פּינחס מיט די לאַנד־שרייבער, ר׳ יאָשע פון סקאַלאַט, ר׳ בעריש קריכלאָווער, הרב ר׳ מרדכי ר׳ זעליקס פון זשאָלקווע, וואָס האָבן באַדאַרפט אויסצופאַרטיקן די החלטות און צו פאַרעפנטלעכן די תּקנות. אין דער אַנדערער שטוב זענען געזעסן די צוויי שרייבערס, ר׳ דוד פון בראָד און ר׳ משה פון זשאָלקעוו און האָבן איבערגעשריבן די תּקנות פאַר יעדן קהל באַזונדערס.

II

## דער פאָטער און זיין זון

אין דער קעניגלעכער שטאָט דראָהאָביטש איז געווען שטאַרק לעבעדיק. ס׳איז געווען אַ יריד און הונדערטער מענטשן און בהמות האָבן פאַרנומען דעם גרויסן שטאָטישן מאַרק. עפּעס אַ ווונדערלעכע אומרו האָט געהערשט אויפן יריד. מענטשן זענען געשטאַנען אויפן מאַרק און האָבן דערציילט שרעקלעכע מעשים. אין דער געגנט פון ט ר ו ס ק אַ ו ו י ע ץ האָט זיך אַרומגעדרייט ד אָ ב אָ ש, אַ באַקאַנטער מערדער, מיט אַ גרויסער רויבער־באַנדע. ס׳איז שוין געווען אַ פּאָר איבערפאַלן. עטלעכע סוחרים האָבן זיך ביי דער חברה אויסגעקויפט, אַנדערע האָט דאָבאָש באַרויבט, נאָך אַנדערע דערהרגעט. אויף דעם וועג פון ס אַ מ ב אָ ר איז מען באַפאַלן די קאַסירער און ביי זיי צוגענומען דאָס קעסטל מיט געלט און איצט שטייען זיי און האָבן מורא אויסצוזאָגן — ז ל מ ן קאָן זיי הייסן שמייסן און אפשר אויפהענגען.

דאָס געוויין פון די קאַסירער הילכט איבער דעם גאַנצן מאַרק, אַרום זיי פאַרזאַמלט זיך אַ גרויסער עולם און דערציילט פאַרשידענע מעשים פון זלמנען. אַלע געדענקען, ווי מען האָט אויפגעהאָנגען דעם שליאַכטשיץ לעוואַנדאָווסקי — און וואָס האָט ער געטון? ער האָט געגנבעט

ביי זלמנס איידעם, ר׳ איציק, אין געוועלב עטלעכע שטיק קיטייקעס, און דערפאַר האָט אים דאָס שטאָט-געריכט פאַרמשפט — לויט דעם מאַגדענבורגער רעכט — צום טויט. זיין לעבן איז געלעגן אין זלמנס האַנט. ס׳האָבן געבעטן זלמנען די מיעשטשאַנעס און די יידן, עס זענען געקומען צו אים צו פאָרן די אַרומיקע פּריצים, אַפילו דער גלח אַליין איז געקומען בעטן פאַרן לעבן פון לעוואַנדאָווסקין, זלמן איז אָבער געבליבן האַרט ווי אַ שטיין. ער האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן און דער מאַגיסטראַט האָט געהייסן דעם פּסק-דין אויספירן. אין מיטן מאַרק האָט דער תּלין אויסגעפירט די עקזעקוציע. דאָס פאָלק האָט זיך געבונטעוועט, אָבער די צעכן האָבן מיט די ביקסן אין דער האַנט געמאַכט אַן אָרדענונג.

„אוי, די צעכן” — האָט זיך דער קאַסירער געטראַכט. נאָך היינט קאָן ער שפּירן זייער כּוח און זייער רשעות, און פּלוצלינג האָט ער געגעבן אַ קוק אויף זלמנס הויז. געשטאַנען איז דאָס הויז אין מאַרק און איז געווען דאָס שענסטע הויז אין דער גאַנצער שטאָט. פאָרנט — אַ וועראַנדע מיט ברייטע טרעפּ. מען האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז אַ פּריצישער הויף, אַ וווינונג פון אַ געבוירענעם שליאַכטשיק. פאַר דעם הויז זענען געשטאַנען די זאָטל-מאַכערס מיט געלאָדענע ביקסן: היינט האָט דער דאָזיקער צעך דינסט, מאָרגן וועלן גיין אויף דער וואַך די שוסטער. דער צעך-מייסטער זיצט אויף דער וועראַנדע און שמועסט מיט די פּויערן און מיט די יידן, וואָס וואַרטן מיט עניוות אויף דעם „פּאַן”. אַ סך מענטשן דרייען זיך פאַרן הויז, קוקן זיך צו צו דער וואַך, באַוווּנדערן די ביקסן און בליקן מיט אומצוטרוי אויף דעם „פאַרשאָלטענעם” הויז. מ׳האָט דערציילט אין שטאָט, אַז זלמן האָט געהאַט צו טון מיט כּישוף, אַז ער האָט אין זיין הויז באַהאַלטן עטלעכע כּישופמאַכערינס און איז זיך מתיעץ מיט קאָרטן-לייגער און טאָטערן, כּדי אויף דעם אופן צו ברענגען אַ שאָדן דער „קריסטלעכער וועלט” און אויך אַנדערע מענטשן. וויפל מאָל די פּויערן זענען פאַרבייגעגאַנגען פאַר זיין הויז אַזוי פיל מאָל האָבן זיי זיך געצלמט און אויסגעשפּיגן, כּדי דעם שטן אַוועקצוטרייבן.

נאָך ערגער פון דעם פאָטער איז געווען זיין זון לייב.

אים האָט זיך דער קאָפּ איבערגעדרייט. עס האָט זיך

אים געדאַכט, אַז ער איז אַ פּריץ מימים קדמונים. די גוים פון אַרום האָט ער געשלאָגן איבער דעם קאָפּ מיט אַ שטעקן; ער האָט זיי צעבלוטיקט און טיילמאָל האָט ער זיי געהייסן אַנידערלייגן אויף דער באַנק און שמייסן. פעלדער און לאָנקעס האָט ער צוגענומען ווי אַ רויבער. ער האָט געקאָסעט, ווו עס איז אים געפעלן, און ווי דעם פויער און אַפילו דעם אָרעמען פּריץ, וואָס וואָלט געוואַגט זיך אַקעגנצושטעלן. אָט דאָ איז ער טאַקע:

אויף דער וועראַנדע האָט זיך באַוויזן אַ הויכער יונגערמאַן אין גוט אויסגעפּוצטע שטיוול, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט. אויף דעם קאָפּ אַ יאַרמולקע, די קאַפּאָטע ברוין און נישט זייער לאַנג. דער צעך-מייסטער פון די זאָטל-מאַכערס האָט זיך פאַרנייגט אין צווייען, לייב האָט אים אַפילו נישט אָנגעקוקט און געגעבן אַ ברום גלייך אַזוי ווי צו זיך אַליין: „מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועל איך אייך נישט מער באַדאַרפן, דער פּשעמיסלער סטאַראָסטאַ האָט געשריבן דעם טאַטן, אַז ער שיקט אונז זיינע דראַגאָנער און פּאַכאָלקעס". באַלד האָט ער זיך אַרומגעקוקט און דערזעענדיק צוויי פויערן, האָט ער זיי געגעבן אַ צייכן, אַז זיי זאָלן אַריינקומען אין שטוב.

טעאָדאָר קאַרלאָוו און מאָראָז זוואָריטש, — די צוויי פויערים פון דער סטעבניקער זשאיפּ, איינגעבויגן אין צווייען, זענען אַריינגעקומען אין שטוב אַריין און געבליבן שטיין אין אַ ווינקל. לייב האָט צוגעמאַכט די טיר אויף דעם שליסל און קוקנדיק אויף די פויערן, האָט ער אַ פרעג געטון: „שוין?" — „שוין נאָך אַלעמען" — האָבן געענטפערט ביידע צוזאַמען. „זעט איר, אַזש מיט אַ בייטש האָט מען אייך געמוזט אָנטרייבן, כדי איר זאָלט פאָלגן. „האָט ער שיין געברענט?". „אַי, פּאַניע לייב, געברענט האָט ער שיין!" — האָט באַמערקט מאָראָז. „אָבער עס איז דאָך אַ שאָד, עס איז דאָך גאָטס וואַלד; אַזוי פיל מענטשן ווערן פאַרפרוירן און קיין האָלץ איז נישטאָ!" — „גאָטס וואַלד, אָדער דעם טייוולס — האָט זיי איבערגעריסן לייב מיט כעס — דאָס איז אַלץ נאַרישקייטן! אַבי עס האָט אייך מיין שוואָגער לייזער נישט געזען. ער וועט שוין דאָס אַנדערע מאָל וויסן, ווי אַזוי מען דינגט מיר אויס אַ זשאיפּ! און איצט, קינדער — שווייגן! קיין וואָרט אַפילו נישט דעם אַלטן. אַנישט — לאָז איך אייך שמייסן ביז צום טויט. איצט גייט און לאָזט זיך געבן צו צוויי קוואָרט בראָנפן ביי אַנשלען אין סטעבניק".

די פויערן זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער וועראַנדע און לײב האָט געהאָרכט. פון דער ווייטנס האָט זיך געלאָזט הערן דאָס קלאַפּן פון פערד און דער גאַנג פון מענטשן. דאָס זענען געווען די פּאַכאָלקעס פון דער פּשעמישלער מדינה, וואָס זענען צוזאַמען מיט צוואַנציק דראַגאָנער אין דער פּולער באַוואָפענונג פאַרפאָרן פאַרן הויז. דער סטאַראָסטאַ האָט געהאַלטן וואָרט: דאָס מיליטער האָט זיך אויסגעשטעלט פאַר דעם גאַניק, קיינער האָט זיך נישט געוווּנדערט, ווייל מען האָט געמיינט, אַז עס קומט אַ שטייער-עקזעקוטאָר מיט זיין באַוואַכונג. ווי גרויס איז אָבער געווען דאָס שטוינען פון עולם, ווען די דראַגאָנער האָבן אַריינגעשטעלט די פערד ביי זלמנען אין שטאַל און אויסגעשטעלט אַ וואַך ביי זיין הויז. ביי דעם צווייטן טויער אויף דער הינטערגאַס האָבן זיך אויסגעשטעלט די פּאַכאָלקעס. זלמן אַליין איז אַרויסגעקומען אויף דעם גאַניק און געדאַנקט דעם אָפיציר און גלייכצייטיק האָט ער אָפּגעפּאַרטיקט די זאָטל-מאַכערס, אַריינגעבנדיק אין האַנט פון דעם צעך-מייסטער עטלעכע מטבעות. פון דער צייט אָן איז די וואַך אייביק געשטאַנען פאַר ר׳ זלמנס הויז און די שרעק פאַר זיין פּערזאָן איז אין דער שטאָט געוואָרן נאָך גרעסער.

פונקט אין דער צייט איז אַהיימגעקומען די דעפּוטאַציע פון בוברקאַ. זלמן האָט שוין פריער געוווּסט, אַז זיי האָבן דאָרט גאָרנישט געפּועלט; דער לאַנד-שרייבער ר׳ יאָשע האָט אים שטיל דאָס צו וויסן געגעבן. איצט האָט ער געקאָנט פראַנק און פריי זיך נוקם זיין אָן די דעפּוטאַטן, וואָס האָבן געהאַט די העזה אים אָנצוקלאָגן.

קוים איז לײב דער בעקער אַריבערגעפאָרן די דראָהאָביטשער ראָגאַטקעס האָבן שוין זלמנס פּאַכאָלקעס אַרומגערינגלט דעם וואָגן, אַראָפּגעשלעפּט אַלע רייזנדע און אַריינגעזעצט אין דער קהלישער תּפיסה. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַן אונטערזוכונג. באַלד האָט מען צוגענומען פאַר קהלשע פּאָדאַטקעס זייערע בהמות און מעבל, זיי אַליין אַרויסגעוואָרפן פון די דירות און אַראָפּגעריסן די פּרוכט פון די ביימער. דער שטאָט-רב, ר׳ שמואל – זלמנס איידעם – האָט אַריינגעלייגט אין חרם אַריין די יעניקע, וואָס האָבן קעגן אים גערעדט.

נישט בעסער האָט זלמן באַהאַנדלט די יידן פון סאַמבאָר און דאָלינאַ, אָבער אויך נישט בעסער די דאָרטיקע מיעשטשאַנעס און

פויערן. שרעקלעך זענען די שטראָפן: פאַר אַביסל געשמוקלטן זאַלץ, פאַר נישט-פינקטלעכן אָפּליפערן פון דעם האָלץ אין די זשאיפן זענען געגאַנגען די וואָיטן און סאָלטיסן אין דער תּפיסה אַריין און די פויערן האָט מען געשמידט אין קייטן. אַזוי ווי אַ באַרג האָט געדריקט דאָס הויז אין מאַרק די גאַנצע סביבה, קיינער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיט זלמנען, ער האָט געלאַכט פון יעדן דיין און ב"צ. „ביי וועמען ווילט איר געפינען רעכט, – האָט געפלעגט צו זאָגן דער ביר-גערמייסטער פון דראָהאָביטש – אַז דער מלך אַליין גיט זלמנען אייזערנע בריוו [1], און באמת האָט קעניג אויגוסט דער דריטער מיט זיין „אַלערגנעדיקסטן שרייבן" פון 20טן מאַי 1753 איינגעהאַלטן אַלע פראָצעסן, וואָס זלמן האָט געהאַט אויף זיך.

לכתחילה זענען די ראַטמענער און לאַווניקעס נשתּומם געוואָרן, אָבער באַלד האָבן זיי זיך צוזאַמענגענומען און איבערגעשיקט אַ נייע אָנקלאַגע צום קעניג קעגן דער הויך-געבוירענער פריצטע טאַרלאָוואַ און קעגן דעם אומגלויביקן ייד זלמן בן וואָלף. אויף אַ קורצע צייט האָבן אויפגעהערט די אייביקע סכסוכים צווישן דער שטאָט דראָהאָביטש און אירע פּאָרשטעט. דעם 23טן אויגוסט 1753 ווערט געשלאָסן אַן אָפּמאַך צווישן די פּאָרשטעטישע גמינעס זאַוויעזשניע לישניאַנסקיע און זאַדוואָרנע, און דעם מאַגיסטראַט און אַלע איינוווינער פון דער שטאָט, „לויט וועלכן די שטאָט און די פּאָרשטעט ערקלערן, אַז זיי וועלן בכּבוד האַלטן די קעניגלעכע פּריוויליעגיעס, וואָס האָבן דורך די לאַנגע סכסוכים אַ סך געליטן, און נישט האָבנדיק קיין אַנדער מיטל צו ראַטעווען זיך פון דעם אומגליק, באַשטימען זיי דעם שטאָט-מאַגיסטראַט פאַר דעם קאָפּ, און די פּאָרשטעט – פאַר די גלידער. אַזוי ווילן זיי צוזאַמען ווייטער פירן דעם פּראָצעס קעגן זלמנען און פאַרפליכטן זיך צו דעקן די קאָסטן אין וואַרשע".

און באמת האָט מען אַרויסגעשיקט אַן אָנקלאַגע קיין וואַרשע און צו איר האָבן זיך אָנגעשלאָסן די יידן פון דראָהאָביטש. פון דאָלינאַ און פון סאַמבאָר, די פאַכטערס און קאַסירערס פון סטעבניק, קאַלוש, טשעברין און טרוסקאַוויעץ.

1) שוץ-בריוו

אויף אַ באַזונדערער אספּה אין סטרי האָבן זיך פאַרפליכטעט די יידן צוזאַמען מיט די גויים, מיט ז'עם גאַנצן כּוח און מיט אַלע מיטלען מנצח צו זיין און פּטור ווערן פון זלמנען. דער עולם האָט מער נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זיך לאָזן פירן פאַר דער נאָז פון זיינע מנהיגים, דער ועד ארצות און דער ועד מדינה האָבן אים נישט געהאָלפן, דעריבער האָט ער באַשטימט זיך אַליין אַן עצה צו געבן, און די עצה איז געווען שרעקלעך

III

## די נקמה

דעם צוועלפטן אַפּריל 1754 איז אָנגעקומען צו די באַרימטע און אייביק-געליבטע ראַדניקעס און לאַוניקעס פון דער קעניגלעכער שטאָט דראָהאָביטש און צו דעם הויך געבוירענעם גראַף נאָסטיץ זשעוווסקי דעם גענעראַל-מאַיאָר פון דעם קעניגלעכן מיליטער און דעם סטאַראָסטאַ פון דראָהאָביטש און דעם אַדמיניסטראַטאָר פון דער סאַמבאָרער עקאָנאָמיע... ־ אַ קעניגלעכער דעקרעט, אין וועלכן דער קעניג באַשטימט די קאָמיסאַרן צו משפטן צווישן דער פּאַני טאַרלאָוואַ און איר פאַקטאָר זלמן וואָלף פון איין זייט, און דער קעניגלעכער שטאָט דראָהאָביטש און יידישע קהלות פון דריי שטעט פון דער אַנדערער זייט. די קאָמיסיע איז טאַקע באַלד אָנגעקומען. וועלנדיק די זאַך פאַראיינפאַכן האָט דער דראָהאָביטשער מאַגיסטראַט צוריקגעצויגן די קלאַגע קעגן דער טאַרלאָוואַ און מיט זיין גאַנצן כּוח זיך געווענדט קעגן דעם פאַרהאַסטן ייד. יעדער פון די מיעשטשאַנעס האָט צו אים געהאַט אַ באַזונדערע תּרעומות און אַלע צוזאַמען האָבן אים נישט געקאָנט מוחל זיין זיין שטאָלץ און זיין שטיינערן האַרץ. דער המון האָט מורא געהאַט פאַר זיין כּישוף און האָט געבעטן די קאָמיסאַרן, זיי זאָלן דעם כּישופמאַכער פאַרמשפּטן. די שאַרף פון דער גערעכטיקייט האָט זיך געווענדט קעגן זלמנס גאַנצער משפּחה, דאָס הייסט קעגן זיין זון לייב, זיין איידעם דעם רב. ווי אויך קעגן אַנדערע זיינע איידעמס. מ'האָט געהייסן דורכפירן



12. דער קבר פון דעם רמ״א אויף דעם אלטן בית־החיים אין קראָקע (פון רעכטס צו לינקס). ר׳ יוסף כ״ץ—בעל המחבר ספר שארית יוסף, דער צווייטער: ר׳ ישראל איסערל, דעם רמ״א׳ס פאָטער, און דער דריטער: דער רמ״א (ר׳ משה איסערלס) אליין. די פערטע מצבה איז פון מרים ביילה, דעם רמ״אס א שוועסטער.

די פאָטאָגראַפיע האָט געלאָזט מאַכן הער חיים פריילין, א פרנס פון דער קהילה אין קראָקע.



13. דער אָפּמאַך צווישן דער קהילה אין קראָקע און דעם דאָרטיקן מאַגיסטראַט אין דעם יאָר 1485, מיט וועלכן די יידן זאָגן זיך אָפּ פון דעם רעכט צו האַנדלען אין קראָקע (דער עלטסטער העברעיִשער דאָקומענט אין פוילן — געפינט זיך אין דעם שטאָטישן ארכיוו אין קראָקע).

אַ קאָנטראָל אין זלמנס רעכנביכער און דאָס געריכט האָט אַרויסגעשיקט צוויי לאַווניקעס צו קאָנטראָלירן די סאַמבאָרער עקאָנאָמיע. אויף דעם יסוד האָט מען איינגעצויגן זלמנען און זיין גאַנצע משפחה. זעענדיק די גרויסע געפאַר האָט זלמן אויסגעשטעלט וועקסלען אויף פלומרשטע חובות און אַ סך געלט אַרויסגעשיקט אין דער מאָלדאַ-וואַלאכיי און קיין כאָצים. ער האָט זיך אָבער דערמיט קיין סך נישט געהאָלפן, ווייל אַלץ האָט זיך אויף אים פאַרנומען און מ׳האָט אים אָנגעהויבן דערמאָנען אַלע עונות. עס איז געקומען אויפן טיש די מעשה מיטן סיכסוך פון 1729 יאָר, דאָס אונטערצינדן פון דעם קאָלפיעצער וואַלד. די יידן האָבן פאַרגעלייגט זייערע פנקסאות און נאָכגעוויזן די פאַלשקייט ביים קלויבן פון דעם רב, ביי די וואַלן פון דעם שלטון הקהילה וכ״ו.

די קאָמיסאַרן האָבן איבערגעגעבן די „ספּראַווע״ אַ געריכט, וואָס איז געווען צוזאַמענגעשטעלט פון דעם סטאַראָסטאַ און דעם שטאָט-געריכט (לאַווניקעס), און דאָס געריכט האָט באַלד אַרויסגעטראָגן אַ שרעקלעכן פסק-דין.

ס׳איז געווען דעם 17טן טשערוויעץ 1755. אין דעם דראָהאָביטשער געריכט-זאַל זענען געווען פאַרזאַמלט פיל מענטשן, עס איז געווען גאָר אַ גרויסע ענגשאַפט, אַלע האָבן געוואַרט אויפן אורטייל. פּלוצים האָט זיך די מזרח-טיר אויפגעמאַכט און אין דער שפּיץ פון לאַווניקעס איז מיט גרויס ערנסט אַריינגעקומען דער אונטער-סטאַראָסטאַ ל ו פּ אַ צ ק י, אַ ריכטער פון דער כעלעמער מדינה און האָט געטראָגן אין דער האַנט אַ כתב-יד. די לאַווניקעס האָבן אָנגעהויבן שאָקלען מיט זייערע שווערדלעך, אַזוי ווי ס׳הייסט דער מנהג פון דעם מאַגדענבורגער רעכט. דאַן איז אַריינגעקומען דער וואָזשנע און צוגעמאַכט הינטער זיך די טיר. „וואָזשנע, מאַכט צו די טיר!״ האָט געטון אַ געשריי דער וואָיט. דער וואָזשנע האָט די טיר געעפנט. „וואָזשנע, עפן די טיר!״ דער וואָזשנע האָט די טיר צוגעמאַכט. נאָך דעם ווי די צערעמאָניע האָט זיך דריי מאָל איבערגעחזרט, האָט דער וואָיט געהייסן אַריינפירן די אָנגעקלאָגטע. ס׳איז אַריינגעקומען זלמן מיט לייבן, ביידע געשמידט איז שווערע קייטן. דער ערשטער גראָ ווי אַ טויב און שטאַרק פאַרעלטערט. דער אַנדערער בלייך ווי די וואַנט: די תפיסה האָט אירס געטון. אַרום זיי איז געשטאַנען די וואַך פון די צעכן, היינט האָבן געהאַט דינסט די זאָטל-מאַכערס. דער

צעך-מייסטער איז געשטאַנען ביי זלמנען. דער פּאַן לופּאַצקי האָט איבערגעגעבן דעם בירגערמייסטער דעם כתב-יד און דער האָט געהייסן דעם שרייבער איבערלייענען. די לאַווניקעס זענען אויפגעשטאַנען פון זייערע ערטער און האָבן די שטולן איבערגעקערט. אַלע אויגן האָבן געקוקט אויף זלמנען און אויף לייבן. דער שרייבער האָט געלייענט. אין דעם געריכט האָט געהערשט אַ שטילקייט, ווי אויף אַ בית-עלמין. מ׳האָט געהערט דאָס פלאַקערן פון די ליכט פאַר דעם הייליקן בילד, וואָס איז געהאָנגען אויף דער מזרח-וואַנט... דער מלאך-המות האָט געקלאַפּט מיט די פליגל. דער שרייבער האָט געלייענט: „... מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אין איינפאַכקייט און עניוות האָט זלמן געצוווּנגען צו פורכט און געהאָרכזאַמקייט, זיין גאוה האָט געוואָקסן אָן אַ מאָס, בירגערמייסטערס, מיעשטשאַנעס און דעם פּראָסטן עולם האָט ער געפּאַטשט אין זיין שטוב און געשלאָגן מיט אַ שטעקן. פויערן און פּאָרשטעטישע איינוווינער האָט ער געלאָזט אַנידערלייגן אויף אַ באַנק און געשמיסן מיט נאַהייקעס און שטעקנס אין זיין הויז און אין זיין הויף... ביי די ירידים האָט ער געהייסן די סוחרים שטיין פאַר זיין הויז, אָדער פאַר די הייזער פון זיינע קרובים, וואָס האָט אים געגעבן אַ סך נוצן און אַנדערע געבראַכט שאָדן. ער האָט נישט געצאָלט קיין שום רעגירונגס- און קיין שום שטאָט-שטייערן, כאָטש ער און זיינע קינדער און איידעמס האָבן געהאַט אין מאַרק די שענסטע הייזער, די רייכסטע קראָמען און די בעסטע שענקען. פאַרגעסנדיק אָן די עשרת-הדברות, וואָס זיין ליבער נאָמען האָט דורך משהן געגעבן די פעלקער, האָט זלמן זיך באַנוצט מיט כישוף, אין זיינע קעלערס האָט ער געהאַלטן כישופמאַכערינס און דורך זייער כח געבראַכט שאָדן דעם קריסטנטום, ווי אויך פיל מענטשן... דערפאַר אָנערקענט אים דאָס געריכט פאַר שולדיק אין די פאַרברעכנס, וואָס זענען אַנטהאַלטן אין זאַקסישן שפּיגל, און פאַרמשפּט זלמנען צום טויט און גיט אים איבער דעם מייסטער פון דער עפנטלעכער גערעכטיקייט, ער זאָל אים אויפהענגען אויף אַ פּאַסיקן און פון דעם קרימינאַל באַשטימטן אָרט...

לייב, זלמנס זון, גייענדיק נאָך דעם ביישפּיל פון זיין טאַטן, האָט עפנטלעך אין שטאָט געשלאָגן מענטשן און פויערן – מיט אַ שטעקן

איבערן קאָפּ און איבער די פּלייצעס, ווי אויך געפּאַטשט זיי און האָט אָפּט געהייסן די מענטשן אַריבערלייגן און שמייסן. דערפאַר האָט ער אַ שטרענגערע שטראָף פאַרדינט. דאָס געריכט מיינט אָבער, אַז דער טויט פון זיין פאָטער וועט אים שוין גענוג אָנלערנען און פאַראורטיילט אים צו עפנטלעכן שמייסן אויפן מאַרק אונטער דעם ראָטהויז. און ווייל זלמן האָט צוגענומען אַלע רייכטימער און האָט זיין גאָלד, זילבער און חפצים אַרויסגעשיקט פון העם לאַנד און שיער אַליין נישט אַנטלאָפן, דערפאַר וועלן זיין ווייב און זיין זון לייב אַזוי לאַנג געהאַלטן ווערן אין דער תפיסה, ביז זיי וועלן נישט אָפּגעבן אַלע מענטשן דאָס, וואָס זייער מאַן און פאָטער האָט ביי זיי צוגעגזלט"...

דער שרייבער האָט געענדיקט, דער עולם האָט געשוויגן. זלמן איז געשטאַנען בלייך און געציטערט; די גאַנצע ווירקלעכקייט איז אים געקומען פאַר די אויגן, און פאַרלירנדיק זיינע כוחות האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן זייַן זון און געשטאַנען אָן באַוועגונג. דערווייל האָבן זיך די לאַווניקעס געוואַשן די הענט און אַנידערקניענדיק פאַר דעם הייליקן בילד, האָבן זיי אָנגעהויבן צו זינגען מיט אַ טיפן באַס „ממעמקים". די פאַראורטיילטע האָט מען אַרויסגעפירט פון געריכט-זאַל און אַריינגעזעצט אין אַן אונטערערדישן קעלער. דער תלין האָט זיך באַלד גענומען צו בויען די תליה, און אַ וואָך אַרום, דעם 14טן יוני, האָט געזאָלט פאָרקומען די עקזעקוציע.

V

## דאָס יידישע האַרץ

דעם 14טן יוני איז געווען טרויעריק אין דער דראָהאָביטשער שול, הגם דער עולם איז געווען פאַרזאַמלט אַזוי, ווי יעדן אַנדערן שבת. דאָס דאַווענען איז נישט געגאַנגען, און נישט פון איין יידישע ברוסט האָט זיך אַרויסגעריסן אַ שווערער זיפץ, אויך וויינען האָט מען געהערט אין די ווינקעלעך. דער רב איז נישט געווען אין דער שול, ווייל ר' שמואל, זלמנס איידעם, איז בשעת דעם פּראָצעס אַנטלאָפן פון דער שטאָט. די קהלה איז געבליבן כצאן בלי רועה. אין אַ האַלבע שעה

אַרום האָט מען געזאָלט אויפהענגען איר פרנס-החודש. און ווירקלעך איז אַריינגעקומען אין שול אַריין אַ וואָזשני מיט צוויי עדות און אַרויפגייענדיק אויף דעם בעלעמער, האָט ער פאָרגעלייענט דעם פסק-דין און איינגעלאַדן דעם עולם צו דער עקזעקוציע. „זייט וויסן, איר יידן, — האָט ער געענדיקט — אַז צען אַזייגער אין דער פרי וועט דער מייסטער פון דער הייליקער גערעכטיקייט אַדורכשניידן דעם פאָדעם פון זלמנס זינדיקן לעבן. קומט אַלע פינקטלעך, וועט איר זען, ווי גאָט שטראָפט די זינדיקע". מיט אַ שטילן זיפץ האָט געענטפערט דער עולם אויף די ווערטער פון דעם באַקאַנטן וואָזשני יאַן ווידלאַטי. דאָס זיפצן איז געוואָרן אַלע מאָל שטאַרקער און גלייך אַזוי ווי די ברוסט פון אַלע וואָלט זיך אויפגעמאַכט האָט זיך אָנגעהויבן אין דער שול אַ שרעקלעכע יללה. „זיי האָבן געוואָלט אָנלערנען זלמנען, אָבער נישט הרגענען".

זייט מענטשן גדענקען האָט מען קיין פרנס-החודש נישט אויפגעהאָנגען און דערצו אויפן פאַרלאַנג פון זיין אייגענער קהלה. און וואָס האָט ער אַזוינס געטון? ער האָט גענומען מער געלט ווי ס'איז אים געקומען. ער האָט געגעבן אַ ייד אַ פאַטש, ער האָט אַמאָל איינגעזעצט תפוס! דערפאַר קומט אים נאָך נישט צו הענגען און דערצו אין אַ שבת-קודש! אַזעלכע ווערטער האָבן זיך געלאָזט הערן אין שול און מיט איין מאָל איז פאַרטיק געוואָרן אַ פלאַן און דער גאַנצער עולם האָט אַ געשריי געטון מיט איין קול: פדיון שבוים! מען האָט איבערגעריסן דאָס דאַוונען און די יידן זענען אַרויסגעלאָפן אויפן מאַרק צו באַפרייען זלמנען.

דער דראָהאָביטשער מאַרק איז געווען פול מיט מענטשן. פון די אַרומיקע דערפער און זשאיפן זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן פויערן צו זען ווי מען וועט הענגען זלמנען און אָנזעטן זיך מיט נקמה פאַר די פעטש און שטעקנס. אין מיטן מאַרק איז געשטאַנען אַ רושטאָוואַניע און אויף אים די תליה. אַרום און אַרום — מיט אָנגעלאָדענע ביקסן — זענען געשטאַנען אַלע שטאָט-צעכן אונטער דער אָנפירונג פון דעם נאַכט-וואָיט. די „ראַדאַ" און די לאַווניקעס מיט דעם פרעזידענט און דעם בירגער-מייסטער האָבן פאַרנומען זייערע פלעצער. די וואַך האָט צעטיילט דעם עולם און דורך דעם שפאַלער האָט מען אַדורכגעפירט זלמנען אָנגעטון אַ קיטל מיטן טלית אויפן קאָפּ. אונטער אים איז געגאַנגען דער תלין

מיט אַ שטריק אין דער האַנט; היינט האָט ער באַקומען אַן עקסטרע שכר־טרחה, ווייל ער האָט געזאָלט הענגען אַ ייד — און מחויב איז ער געווען נאָר קריסטן אַרויסצושיקן אויף יענער וועלט.

ס׳האָבן געגעבן אַ ברום די פויקן און אויף דער רושטאָוואַניע איז אַרויפגעשפרונגען דער שרייבער, כדי פאָרצולייענען דעם פסק־דין. פלוצים האָט זיך געלאָזט הערן פון עק מאַרק אַ גוואַלד, דער עולם האָט זיך געטון אַ ריר און דורך אים האָבן זיך אָנגעהויבן אַדורכרייסן יידן און גלייך לויפן צו די ראַדנעס און לאַווניקעס. דער שרייבער האָט איבערגעריסן דאָס לייענען און דערווייל האָבן זיך די יידן צוגעשלאָגן צום בירגערמייסטער און אָנגעהויבן מיט אים עפּעס צו רעדן און אויפקלערן אים עפּעס. דער עולם האָט גאָרנישט געקאָנט הערן, נאָר ער האָט געזען די נערוועזע זשעסטיקולאַציע. דער בירגער־מייסטער האָט געהייסן דעם שרייבער אַראָפּגיין, די צעכן מאַכן מער פּלאַץ און צוזאַמענגערופן אויפן אָרט אַ באַראַטונג אויף וועלכער מען האָט זיך באַראַטן, צי מען זאָל אָננעמען דעם פאָרשלאַג פון די יידן: זלמן וועט פאַרמשפט ווערן אויף אייביקע טורמע און די שטאָט וועט קריגן 500 רענדלעך, וואָס באַטרעפט דאָך 9000 פוילישע גולדן. אַז איר וועט באַלד דאָס געלט געבן, ציען מיר צוריק די דעלאַציע 1) — האָט געזאָגט דער פרעזידענט אין נאָמען פון דער „ראַדאַ" און דער „לאַוואַ".
„היינט איז שבת, מיר קאָנען דאָך היינט נישט צאָלן" — האָבן געענטפערט די יידן. — „טאָ גיט אונז אַ משכון ביז מאָרגן, אָבער באַלד, ווייל דער עולם איז אומגעדולדיק". באַלד האָט מען געבראַכט אַ קויש מיט אַ וואָג, און יידן האָבן אָנגעהויבן אַריינצוואַרפן גאָלדענע קייטן, רינגען, אויערינגלעך און אַנדערע חפצים. פאַרוואונדערט האָט דאָס פאָלק זיך צוגעקוקט צו דער סצענע און דער שרייבער האָט אויפן אָרט אויסגע־פּאַרטיקט אַן אַקט כהאי לישנא: „זלמן בן וואָלף פאַרמשפט צום טויט איז שוין געפירט געוואָרן צו דער תליה, די יידישע מנהיגים און דער יידישער עולם האָט זיך אָבער איבער אים מרחם געווען, ווי אויך אויף זיינע אַלטע יאָרן און דערפאַר אויסגעבעטן זיין לעבן ביי די חשובע ראַדנעס און לאַווניקעס און ביי דעם קריסטלעכן פאָלק פון דער שטאָט

1) דער אַנטראַג אויסצופירן דעם פסק־דין.

דראָהאָביטש און אים בפירוש אַרויסגענומען פון דעם תּלינס הענט"...
„דאַנקענדיק פאַר דער טובה און פאַר דעם רחמנות פאַר זלמן בן וואָלף
פאַרשפּרעכן מיר, מנהיגים דק"ק דראָהאָביטש, צו צאָלן אַ אונטערשטיצונג
פון 500 רויטע גולדן לויט אַ ריכטיקער וואָג און אַ ריכטיקער צאָל.
ווייל אָבער היינט איז שבת און מיר קאָנען נישט דאָס געלט היינט
צאָלן, לייגן מיר איין ביז מאָרגן די חפצים פאַר אַ משכון און פאַר-
פליכטן זיך באַלד נאָך שבת זיי אויסצולייזן און די סומע פון די 500
רענדלעך ערלעך אויסצוצאָלן".

די דראָהאָביטשער יידן האָבן אויף זיך אויך גענומען דעם אויס-
גלייך מיט די יידן פון סאַמבאָר און דאָלינאַ. זלמנען האָט מען אָפּגעפירט
אין דעם ראָטהויז-טורעם אונטער דעם זייגער, דאָס פאָלק האָט קיין
„טעאַטער" נישט געהאַט און איז דעריבער געווען שטאַרק אומצופרידן.
„די יידן האָבן אָפּגעחורשט די ראַדע" — האָבן דערציילט די פויערן,
וועלכע זענען אַהיימגעגאַנגען אין די דערפער און אין די זשאַיפן.

צומאָרגנס, זונטיק, האָבן די דראָהאָביטשער מנהיגים אַריינגע-
טראָגן אין דער שטאָט-קאַסע די פאַרפליכטעטע סומע און אָפּגענומען
זייערע משכנות. דער פּראָצעס מיט די קהלות אין דאָלינאַ און סאַמבאָר
האָט זיך לאַנג געצויגן, דעם סכסוך האָט מען באַהאַנדלט אויף דעם
ועד אין בראָד און איבערגעגעבן דעם לעמבערגער רב. זלמן איז
דערווייל געזעסן אין טורמע אונטער דעם זייגער ביי ברויט און וואַסער,
לייב איז אַוועק פון דער שטאָט, די משפחה איז צעשפּרייט געוואָרן
אויף אַלע שבעה ימים, אויך האָט מען באַלד געקליבן אַ נייעם רב...

V

## דער סוף

עס איז אַוועק אַ האַלב יאָר, פאַמעלעך האָט מען אָנגעהויבן אין
דער זאַך צו פאַרגעסן, די וווּנדן האָבן זיך פאַרהיילט. פּלוצים זענען
אין אַ זונטיק אַרויפגעגאַנגען גלחים אויף דעם טורעם אַרויף, אַראָפּ-
גענומען פון זלמנען די קייטן און אים אַראָפּגעפירט אין דער קירכע. קיינער
האָט אים נישט דערקאָנט, ער איז געווען ראַזירט, שטאַרק איינגעבויגן

און כמעט בלינד. דער פּראָבאָשטש האָט אים אָפּגעשמדט און אָנשטאָט דעם אומגלויביקן זלמן איז אַרויסגעקומען פון דער קירכע דער נייער קריסט יענדזשעי. ער איז שוין נישט מער צוריקגעגאַנגען אויפן טורעם, נאָר מען האָט אים איבערגעפירט אין קלויסטער פון די קאַרמעליטן. יענדזשעי וואָלפּאָוויטש האָט זיך נישט לאַנג געפרייט מיט זיין אמונה. די ענויים, די לאַנגע תּפיסה, ווי אויך די אויפרעגונג פון דעם שמד האָבן אין אַ פּאָר טעג געמאַכט אַן ענדע פון זיין לעבן. מיט גרויס פּאַראַד האָט מען אים מקבר געווען אויפן קריסטלעכן צמענטאַרזש...

די געשיכטע האָט אין זלמנען פאַרגעסן, געבליבן איז ער אין דער לעגענדע. און אַז די לעגענדע איז בלייך געוואָרן איז געבליבן אַלס איינציקער אָנדענקן פון זיין לעבן און זיין טויט אַ פאָלקס-ליד, וואָס ווערט געזינגען ביז היינט פון אוקראַאינישע מיידלעך ביי זייער אונטערהאַלטן אין וויעלקאַנאָץ, אין דער האַולקע אָדער האַהולקע (אַ פּסח-ליד) קלינגט נאָך ביז היינט די שרעק, וואָס דאָס פאָלק האָט געהאַט פאַר זלמנען און פאַר די זלמאָנאָווע „לידע", ווי אויך די שמחה, אַז מע האָט אים פאַרמשפּט צום טויט.

„נודיעט לידעי זלמן — בייע לידעי זלמן".
„ניע פאַנויע זלמן — נאַ פאָהיבעל זלמן". (1

1) די אַקטן פון דעם פּראָצעס אין די דראָהאָביטשער שטאָט-אַקטן, צומטייל אַרויסגעגעבן פון פּראָפעסאָר איזידאָר שאַראַניעוויטש, צומטייל נאָך אין כתבי-יד אין לעמבערגער מלוכה-אַרכיוו. אין דעם פּנקס פון דער קהלה, וואָס איך האָב אים געהאַט אין דער האַנט ערשט אין דעם יאָר 1925, קומט זלמן אַ סך מאָל פאָר, תּמיד ביי די קהלה-וואַלן אַלס ראש וראשון פון די שטאָט-פּרנסים.

בנוגע דעם ליד וועגן זלמנען האָט מיר פאַר עטלעכע יאָר געשריבן אַ באַקאַנטער פון דעם שטעטל פּאָטיליטש (צפון-גאַליציע), אַז מ'זינגט דאָס ליד נאָך היינט.

# ר׳ לײבוש באַלאַבאַן,

## פּרנס-החודש אין לעמבערג אין סוף פונם 18טן יאָרהונדערט.

עס איז געווען אין אַ רעגנדיקן האַרבסט-טאָג. די יידישע גאַס איז געווען פול מיט בלאָטע, ווײל זעקס חדשים זענען שוין געווען זײט דער גאַסן-רײניקונג פון פרילינג, און אויף ווינטער האָט מען נאָך די גאַסן נישט געבראַכט אין אָרדענונג. די גאַסן אַרום זענען אַפילו געווען ברוקירט, אָבער קײנער, זאָגאַר זקנים, האָבן נישט געדענקט, ווען מ׳האָט די דאָזיקע שטײנער געלײגט. דער וואָיעוואָדע און גענעראַל פון די רוסישע פּראָווינצן, גענעראַל-מאַרשאַל פון דער רעפּובליק, סטאַראָסטאַ פון קאַליש, לאַטאַוויטש און וויעליטש, הער אויף קלעוואַן און זשוקאָוו, אויגוסט אַלעקסאַנדער דער פירשט טשאַרטאָריסקי, האָט באַלד נאָכן איבערנעמען זײן אַמט געגעבן די מנהיגי הקהלה אַ שטרענגן באַפעל וועגן דער „רײנלעכקײט“, אָבער כאָטש עס זענען זײט יענער צײט שוין פאַרבײ עטלעכע יאָר און אויף דעם קאַלענדאַר איז שוין געווען דער פינפטער אָקטאָבער 1766, איז נאָך דער דאָזיקער באַפעל אַלץ געבליבן אויפן פּאַפּיר. וואָס עס האָט באַאײנפלוסט די פאַרשפּעטיקונג פונם אויספירן דעם דאָזיקן באַשלוס, צי די פיש, בשמים-אַרטיקלען און עסנוואַרג, וועלכע מען האָט רעגולער צוגעשיקט דעם געהילף-וואָיעוואָדע, ה׳ אָרלעווסקי, צי געוויסע הנחות בײ געלט-צאָלונגען, וועלכע זענען געמאַכט געוואָרן דעם פּראָקוראָר, ה׳ אולאַנאָווסקי, צי גאָר איז אין די דאָזיקע גאַסן געפאַלן מער רעגן און ווײניקער זון-שטראַלן, — איז הײנט נאָך אַזוי פיל יאָרן שווער פעסטצושטעלן. אינדערפרי זענען איבער די גאַסן געגאַנגען יידן, אַלטע און יונגע, און יעדער האָט אין בוזעם געטראָגן אַ הושענא. אײניקע האָבן אין דעם יאָר צום לעצטן מאָל מיטגענומען מיט זיך דעם לולב, בכדי אַרומצוגײן מיט אים זיבן מאָל אַרום דעם שול-באַלעמער און אים נאָכהער אַוועקשטעלן אין אַ ווינקל.

די חשובי העיר זענען שוין אַלע געווען פאַרזאַמלט אין שול, מען האָט נאָר געוואַרט אויפן רב. דער פרנס־החודש פון יענעם יאָר, ר׳ לייבוש באַלאַבאַן, איז געווען אומגעדולדיק און האָט עטלעכע מאָל געשיקט דעם שמש געוואָר ווערן, פאַרוואָס דער רב קלייבט זיך עפּעס אַזוי פּאַמעלעך אין שול אַריין. אין דער צווישן־צייט איז אויך דער גאַנצער עולם געוואָרן אומגעדולדיק און די בחורים האָבן פונדערווייטנס אָנגעהויבן מעסטן די הויך פון דעם ארון־קודש, צי זיי וועלן קאָנען אַזוי הויך אַרויפוואַרפן די הושענות נאָכן אָפּקלאַפּן זיי

צום ערגסטן האָט זיך אויפגעפירט דער קליינער באָגדיס, אַ משרת ביי איינעם פון די ראשי הקהל, ר׳ אליהו בן הבל. ר׳ לייבוש באַלאַבאַן האָט דאָס דאָזיקע יינגל נישט ליב געהאַט, ווייל ער איז עלול געווען אָפּצוטון כלערליי ווילערישע שטיקלעך, און דער פרנס־החודש האָט נישט געהאַט קיין סך געדולד. חוץ דעם האָט ער אים נישט געליטן דערפאַר, וואָס ער האָט געדינט ביי אלין, מיט וועלכן ער האָט זיך אַרומגעריסן אויף די קהלה־זיצונגען.

„צוליבן דאָזיקן יינגל וועט נאָך אַמאָל קומען צו אַן אומגליק" האָט ר׳ לייבוש אָפּט פאָרויסגעזאָגט, וויפל מאָל נאָר ער פלעגט זען, ווי דער משרת, טראָגנדיק דעם טלית פון זיין בעל־הבית, מאַכט לוסטיקע שפּאַסן און שטיפעריי. עס איז שוין אָבער נישט געווען קיין צייט פאַר לאַנגווייליקייט, ווייל דער רב איז אָנגעקומען אין שול אַריין און אַלע האָבן דורך אויפשטעלן זיך אים אָפּגעגעבן כבוד.

נאָכן דאַווענען האָבן אַלע שנעל פאַרלאָזט די שול, כדי צו ערלע־דיקן זייערע געשעפטן פאַר יום־טוב. אייניקע האָבן זאָגאַר נישט געעפנט די געוועלבער, ווייל עס איז געווען זונטיק, ווען עס איז קיין שום פדיון נישטאָ.

נאָר ביי איין געוועלב האָט זיך גערודערט. דאָס איז געווען די קראָם אינעם הויז פון קהלה־עסקן ר׳ יוסף צימעלעס, לעבן דער שול (בלאַכאַרסקאַ 29). די אייגנטימערין פונעם געוועלב, ר׳ מאָנישעס פרוי, האָט געהאַט צו פאַרקויפן אַלץ, וואָס דאָס האַרץ גלוסט, פון אַ נאָדל ביז אַ בייטש, פון ליכט ביז בשמימוואַרג און אויפרייס־פולווער. אינעם דאָזיקן טאָג גראַדע איז אויפן לעצטן אַרטיקל געווען אַ שטאַרקע

נאָכפּראַגע, ווייל אין לעצטן טאָג יום-טוב, אין שמחת-תורה, פּלעגט מען אין לעמבערג שיסן „אויף וויוואַט“.

וויפל פינגער מען האָט אַלץ אָפּגעבריט, אָדער צוגעקוועטשט מיט די העגער פון אַלטע פּיסטוילן, וויפל אומגליקן, איבערשרעקונגען און פאַלן פון חלשות זענען אַלץ דערפון געווען! עס האָט אָבער גאָר נישט געהאָלפן. ייִנגלעך זענען ייִנגלעך און יום-טוב איז יום-טוב.

עס איז אַ באַוווסטע זאַך, אַז אין אַזעלכע שייגעצערייען האָבן זיך געשפּילט נאָר די בחורים פון די ערגערע שטובן, דען פאַר אַ יונגן בן-תורה פּאַסט נישט אַפילו אויף אַ רגע צו פאַרגעסן דעם ערנסט פון זיין שטאַנד. דאָס האָבן געטון די „ייִנגלעך פון פּראָסטן קלאַס“, די שוסטערלעך און ענלעכע ווילע-יונגען.

ר׳ לייבוש באַלאַבאַן האָט אַלע ייִדישע געוועלבניקעס פאַרווערט צו פאַרקויפן די בחורים פּולווער, און דאָס אונטער דער דראָונג פון שווערע שטראָפן. ווער האָט זיך אָבער געקאָנט ריכטן, אַז ר׳ מאָנישעס פרוי האָט צו פאַרקויפן פּולווער, זי האָט שוין זייט אַ האַלב יאָר נישט געצאָלט קיין דירה-געלט און צימעלעס האָט איר נאָר געהאַלטן צוליב רחמנות.

באָגדיס איז מיט זיין בעל-הבית געגאַנגען אַהיים, געגעסן פרישטיק, וואָס איז אין דעם טאָג אויסגעפאַלן צוזאַמען מיטן מיטאָג, און זיך אַוועקגעלאָזט אין גאַס אַריין. דאָ האָט ער זיך אויף אַ געוויסער צייט געשפּילט אין דער בלאָטע, שפּעטער איז ער אַריין אין די וווינונג פון זיין פאָטער דעם בעקער, אַרויסגעפליקט עטלעכע געגזענע פעדערן פון אַ שמיר-בערשטל און אַוועק גלייך צו ר׳ מאָנישעס פרוי.

„גיט מיר פאַר צוויי דרייערס פּולווער, נאָר אַ סך“. די פרוי האָט אים גוט געקענט. ער האָט ביי איר שטענדיק איינגעקויפט פאַר ר׳ אַלין, האָט זי אים דערפאַר געגעבן מער, ווי אַן אַנדערן. באָגדיס האָט די פעדערן באַהאַלטן אין בוזעם, דעם פּולווער זאָרגפעלטיק פאַרפּאַקט, כדי ער זאָל נישט ווערן נאַס, און אַהיימקומענדיק האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל, אויסגעבלאָזן די פעדערן און זיי אָנגעפילט מיט פּולווער, כדי זיי זאָלן כאָטש טיילוויז קאָנען פאַרטרעטן אַ פּיסטויל, פאַר אים אַ אומדערגרייכבאַרער אידעאַל. דאָס אַלץ האָט ער באַהאַלטן אויף אַ שענקל צווישן די גמרות און קיינעם וועגן דעם גאָרנישט געזאָגט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

עס זענען אַריבער זונטיק און מאָנטיק. אין דער נאַכט פון שמחת-תורה איז געווען פריילעך אויף דער יידישער גאַס. עס איז, גאָט צו דאַנקען, קיין רעגן נישט געווען, נאָר אַ בלאָטע, אַ בלאָטע ביז צו די קנעכלען.

ווי עס איז נאָר געוואָרן פינצטער האָט מען אין אַלע פענצטער אַריינגעשטעלט ליכט און דאָס אומעטום, צי אויפן ערשטן שטאָק, צי אויפן פערטן. אַפילו די איינוואוינער פון די בוידעם-שטיבלעך האָבן נישט געוואָלט הינטערשטעליק בלייבן און האָבן אילומינירט זייערע פענצטער.

ווונדערבאַר האָט אָפּגעשלאָגן די שיין פון הונדערטער ליכט אין דעם בלאָטיקן שפיגל, וועלכן עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די גאַס. קיינער האָט אָבער דערויף קיין אַכט נישט געלייגט. פאַר דער וווינונג פונם רב האָט זיך פאַרזאַמלט כמעט די גאַנצע קהלה, כדי אין טאָג פון שמחת-תורה צו באַגלייטן דעם גדול התורה אויף אַ פייערלעכן אופן אין שול אַריין.

לאַנג האָט מען געוואַרט. דער רב איז געווען אַן אַלטער און נישט קיין געשווינטער, איבעריקנס האָט ער זיך בכלל נישט געאיילט. ער האָט ביי זיך אין שטוב געשמועסט מיט די פרנסים און זיך אויסגעפרעגט וועגן די פרטים פון דער לעצטער בית-דין זיצונג, אויף וועלכער ער האָט צוליב זיין אַלטקייט נישט געקאָנט פירן דעם פאָרזיץ. די מנהיגים האָבן זייער רבין דערציילט וועגן פאַרשידענע ענינים, זיך געקלאָגט אויף די שלעכטע צייטן, אויפן נישט-פאָלגן זיך מצד דעם יינגן דור, אויפן אומווילן צו לערנען און אויף דער אויסגעלאַסנקייט פון דער יוגנט, אויף די שוואַכע פאָרשריטן אין לערנען און די אָפּגעלאָזנקייט און פאַרנאַכלעסיקונג פון די מלמדים א. אַז. וו. דער רב האָט נאָך ביז היינטיקן טאָג נישט געקאָנט פאַרגעסן דעם דרוק, וועלכן די קהלה האָט אויף אים אויסגעאיבט בעתן איבערנעמען דאָס רבנות פון דער מדינה, הייסנדיק אים אונטערשרייבן אַ באַשייניקונג, אַז ער וועט זיך באַפרידיקן מיט דעם געהאַלט פון דער מדינה און וועט נישט האָבן קיין פרעטענסיעס צו די שטאָטישע קהלות; דעסגלייכן ווי מ'האָט פאַרלאַנגט פון אים אַרויסצוגעבן די ביכער און דעפּאָזיטן, „וועלכע געהערן דער שטאָט לעמבערג". דער רב האָט אויך נישט געקאָנט

איבערטראָגן דעם שמערץ צוליבן וכּוח מיט די פראַנקיסטן אין דער לעמבערגער קאַטעדרע, אין וועלכן אויך ער האָט געמוזט אָנטייל נעמען. וויפל הונדערטער יידן האָט דער דאָזיקער פראַנק געפירט צו דער שמד, די שטראָף אָבער האָט אים נישט אויסגעמיטן. מ׳האָט דערקענט דעם דאָזיקן פויגל און יעצט זיצט ער אין דער טשענסטאָכאָווער פעסטונג צו דער צופרידנהייט פון אַלע.

די ראשי-הקהל האָבן זיך געקלאָגט אויפן דרוק מצד דעם געהילף-וואָיעוואָדע און באַזונדערס דעם פראָקוראָר, ה׳ יאַנאָווסקי, און ר׳ לייבוש באַלאַבאַן האָט ווידער נישט געקאָנט פאַרשטיין, ווי אַזוי עס האָבן די פרנסים פון דער פאָרשטאָט געוואַגט אָנצופאַלן אויפן דאָרטיקן פרנס-החודש.

ר׳ לייבוש איז געווען אַ זעלבסהערשער און האָט נישט דער-לויבט קיין ווידערשטאַנד, און יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט הערן וועגן דעם באַוווּסטן בונט קעגן דעם ראש-הקהל פון דער פאָרשטאָט, ר׳ אליעזר מינטשעלעס, איז ער רויט געוואָרן ווי אַ בוראַק און געזאָגט: „ווען אַזאַ דוד צויבעל אָדער שלמה צי לייבוש מיזיס זאָל מיר זאָגן: ‚כ׳וועל דיר געבן אין דער מאָרדע אַריין׳, וואָלט איך עס נישט געשענקט, אַפילו ווען די גאַנצע וועלט זאָל זיך שטעלן אויפן קאָפּ״.

דער רב האָט געקאָנט די נאַטור פון ר׳ לייבושן און, נישט וועלנדיק ערלויבן צו באַרירן די שטורמישע זכרונות פון פאַר אַנדער-האַלבן יאָר, איז ער אויפגעשטאַנען פון זיין שטול און האָט מיט דער האַנט געגעבן אַ צייכן, אַז עס איז שוין צייט צו גיין אין שול אַריין.

ר׳ לייבוש פון איין זייט און ר׳ ישראל יוספס פון דער צווייטער האָבן אָנגענומען דעם רב פאַר די אָרעמס, אים אַראָפּגעפירט פון די טרעפּ און נאַכהער, גייענדיק אינמיטן גאַס, זענען זיי אַוועק אין שול אַריין.

דער עולם האָט אויפגענומען דעם רב מיט פרייד-אויסגעשרייען און פּאַטשן מיט די הענט און איינער אַ מנגן האָט אָנגעהויבן צו זינגען עפּעס אַ מעלאָדיע אָן ווערטער, וועלכע גרויס און קליין האָט מיט-באַגלייט, נישט קימערנדיק זיך וועגן האַרמאָניע און טאַקט. — די מעלאָדיע איז געווען אַלעמען באַקאַנט, מ׳האָט זי שטענדיק געזונגען

אויף חתונות און תנאים. — אויפן אָפּקלאַנג פונם געזאַנג האָבן זיך אין די פענצטער באַוויזן קעפּ פון ווייבער און מיידלעך און פון אומעטום האָט מען זיך איבערגעגעבן די האָסלע: „מ׳גייט שוין״, „מ׳גייט״.

— — — — — — — — — — — — — — —

אין שול איז געווען העל ווי אינמיטן טאָג. אַלץ איז בעתן דאַוונען געווען ערנסט געשטימט. נאָר די חברה קליינוואַרג האָט מיט אומגעדולד געוואַרט, ביז דאָס אייגנטלעכע דאַוונען זאָל זיך שוין ענדיקן און מ׳זאָל שוין אָנהייבן טיילן הקפות. באַלד טאַקע איז דער שמש צוגעגאַנגען צום ארון-קודש און אַרויסנעמענדיק איין ספר-תּורה נאָך דער אַנדערער, האָט ער אויסגערופן ביים נאָמען און פאָטערס נאָמען די אָנגעזעענסטע בעלי-בתּים פון דער קהלה, טיילנדיק זיי הקפות. צוערשט איז געגאַנגען דער חזן, נאָך אים דער אַלטיטשקער רב, דאַן די ראשי-הקהל מיט ר׳ לייבושן בראש. ביי דעם קלאַנג פון די געזאַנגען האָבן זיי אַרומגערינגלט דעם באַלעמער און צוקומענדיק צוריק צום ארון-קודש, האָבן זיי אַוועקגעגעבן די ספרי-תּורה אַנדערע מתפּללים. פון אָנהויב איז אַלץ געגאַנגען אין אָרדענונג. די אָנגעזעענסטע מתפּללים האָבן גענומען ספרי-תּורה און זיי אַוועקגעגעבן אַנדערע מתפּללים. נאָך יעדער הקפה, אָבער, האָבן אָנגעהויבן צו באַקומען ספרים וואָס אַמאָל אַלץ מער אָרעמערע הן אין תּורה הן אין עשירות, ביז עס זענען אָנגעקומען די בעלי-מלאכה און דאָרפישע אַרענדאַרן, וועלכע האָבן די ימים-טובים פאַרבראַכט אין שטאָט. ביים סוף האָבן באַקומען הקפות בחורים עלטערע און ייִנגערע, ביז די סאַמע — ייִנגסטע. יעצט האָט אויפגעהערט יעדע אָרדענונג. די ייִנגלעך האָבן זיך געשטופּט צום שמש, ווילנדיק וואָס שנעלער באַקומען אַ ספר-תּורה.

„מיר אַ ספר״, „גיט מיר, איך בין עלטער״, „ניין, איך בין עלטער״. יעדער רייסט, שרייט, און צווישן דעם אַלעמען זינגט דער חזן ווייטער, דעם כּסדר איינטאָניקן ניגון: „עוזר דלים, הושיעה נא״, און די עלטערע יידן שרייען: „גיב אַכטונג, וועסט נאָך אַראָפּלאָזן דאָס ספר״, „פאַמעלעך״, „ווי אַזוי טראָגסטו?״ א. אַז. וו.

— — — — — — — — — — — — — — —

אונזער באָגדיס האָט זיך דערווייל אָפּגערוקט פון זיין בעל-הבית און צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע ייִנגלעך אָפּגעקליבן זיך אַן אָרט אויף

אַ באַנק, פון וועלכער ער זאָל קאָנען זעען אַלע הקפות און פאַרטשעפען זיינע חברים. ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם זיינע געגזענע פעדערן, זיי באַקוקט, צי זיי זענען פול און איין אַזאַ פעדער צוגעלייגט צו אַ חלבן ליכט, וואָס האָט געברענט אויף אַ באַנק, און זי אָנגעצונדן. „ויוואַט" האָבן זיינע חברים אויסגעשריגן און איינער נאָכן אַנדערן האָבן זיי אויסגעשאָסן פון זייערע פיסטוילן.

ר׳ לייבוש באַלאַבאַן איז באַלד אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט, זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער, כדי אויסצופאָרשן, ווער עס האָט געוואַגט זיך אַקעגנצושטעלן זיין באַפעל. ער האָט אָבער נישט געקאָנט דערזען אַזוי ווייט און באָגדים האָט זיך באַהאַלטן אונטער די פלייצעס פון איינעם, וועלכער איז געזעסן לעבן אים. דאָ האָט ער זיך אַרויסגענומען אַ צווייטע פעדער און געוואָלט ווידער אויסשיסן אויף וויוואַט. דערווייל האָט ער דערזען זיין געוועזענעם חבר פון חדר, דעם זון פון נתן דעם קירזשנער. דער בחור האָט געהאַט לאַנגע פאות, וועלכע האָבן זיך אים געשאָקלט אַהין און צוריק. באָגדיס האָט נישט לאַנג געקלערט, צוגעלייגט די פעדער צו די פאות פונם יינגל, צוגעלייגט אַ ברענענד ליכטל און אָנגעצונדן. אַ מוראדיקער געשריי איז געווען דער ענטפער אויפן שאָס און אין דער זעלבער רגע איז אַ ספר-תורה געלעגן אויף דער ערד...

אַ געשריי, אַ גערייסעריי, אַ צעמישונג נישט צו באַשרייבן. וואָס איז געשען? וואָס איז געשען? אַן אומגליק! מען דאַרף פאַסטן גאַנצע פערציק טעג און דאָס די גאַנצע קהלה, און אויך דאַן איז נישט זיכער, צי עס וועט ווער נישט שטאַרבן.

עס האָבן זיך אויפגערעגט די ראשי-העיר און זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן, ווער עס האָט דאָס ספר אַראָפּגעלאָזט און ווער עס האָט אויסגעשאָסן. ר׳ לייבוש האָט געהאַט וואַסער אויף זיין מיל: „איך האָב געזאָגט, אַז דורכן דאָזיקן יינגל וועט נאָך קומען צו אַן אומגליק, איר האָט נישט געגלויבט, אָט האָט איר, האָב איך אייך נישט געזאָגט? אלי איז אַזאַ בעל-הבית און האָט אַזעלכע משרתים. ווער גיט עס אַ יינגל פולווער, פעדערן? ווער ערלויבט דאָס אַזעלכן זיך צו שפּילן אויף אַזאַ געפערלעכן אופן?"

ר׳ אלי האָט נישט געהערט די טענות פונם פרנס-החודש, דען

באַלד נאָכן דאָזיקן אומגליקלעכן פאָרפאַל איז ער צוגעפאַלן צו באָגדיסן, אים אויסגעפאַטשט און צוגענומען ביי אים די פעדערן. אויך דער רב איז צוגעגאַנגען צום יינגל. ער האָט אָבער נישט ערלויבט אים צו שלאָגן. „שיקט אים אַוועק, אלי, און פאַרטיק. אויב ער איז אַ שייגעץ, זאָל ער גיין!" באַלד דערויף איז ר׳ לייבוש צוגעגאַנגען צו באָגדיסן, אָנגענומען אים ביים קאָלנער און צורופנדיק דעם שמש, האָט ער אום געהייסן שטעלן אין קונע. ר׳ לייבוש האָט אַזוי געשריגן, אַז קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס אים גייט. אלי האָט מורא געהאַט פאַר די ערגסטע פאָלגן, וואָס עס קאָנען דאָ פאַרן דאָזיקן יינגל אַרויסקומען, האָט זיך זייער געשעמט, אַז מ׳זאָל זיין משרת איינזעצן אין טורמע, ווי אַ פאַרברעכער, און נישט ערלויבט דעם שמש צו נעמען באָגדיסן.

עס איז געקומען צו אַ קריגעריי, אַרומרייסעניש און כמעט צו אַ געשלעג. „דו לא-יצלח!" האָט ר׳ לייבוש געשריגן צו אלין, „דו עזות-פנים, צי ווייסט דו, אַז איך בין דער פרנס-החודש, איך האָב מאַכט, איך וועל דיך הייסן אַרויסיאָגן פון שטאָט און וועסט גיין". „וואָס ביסט דו ביי זיך אַזוי גרויס", האָט אלי איראָניש געענטפערט. „וויכטיקערע פון דיר האָבן ביי מיין פאָטער געדינט!". דער רב האָט פונאַנדערגעשיידט די אויפגערעגטע צדדים, מילדערנדיק דאָ דעם, דאָ דעם; דערווייל האָט באָגדיס באַוויזן צו אַנטלויפן פון שול און זיך אויסבאַהאַלטן אַזוי, אַז מען האָט נישט געוווּסט ווו און ביי וועמען.

דאָס דאַוונען איז איבערגעריסן געוואָרן, די ספרי-תורה האָט מען צוריק אַריינגעשטעלט אין ארון-קודש און אַלע זענען, טרויעריקע און איבערגעשראָקענע, אַהיים געגאַנגען. אַן אימה איז געהאָנגען איבער דער קהלה. „פערציק טעג פאַסטן, און ווער ווייסט, צי עס וועט ווער נישט שטאַרבן צוליב דער דאָזיקער עברה?". די יום-טובדיקע פרייעלעכקייט איז געוואָרן פאַרשטערט, מען האָט שוין די נאַכט נישט מער אַזוי געזונגען, נישט געפרייט זיך און שנעל זענען אומעטום פאַרלאָשן געוואָרן די ליכט און אַ חושך-מצרים האָט באַדעקט די גאַס. אַ שטילקייט האָט געהערשט און נאָר די טריט פונם שטאָטישן וועכטער, וועלכער האָט געהיטן די יידישע גאַס, האָבן זיך פון צייט צו צייט געהערט.

ר׳ לייבוש איז נישט געשלאָפן, נישט געקאָנט קיין אויג צומאַכן. אַזאַ באַליידיקונג און דערצו נאָך אין שול, אין דער אָנוועזנהייט פון

דער גאַנצער קהלה. „בעסערע פון דיר האָבן ביי מיין פאָטער געדינט״ דאָס האָט ער געהערט און פון וועמען, פון אַזאַ אלי. גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט אַזאַ פאַרשעמונג איז די באַליידיקונג פון אליעזר מינטשעלעס. ר׳ לייבוש האָט געקלערט וועגן נקמה און דאָס אויפן שרעקלעכסטן אופן.

אין די אַמאָליקע צייטן איז די מאַכט פון דעם ראש-הקהל, פונם אַזוי באַוווּסטן פרנס-החודש, געווען אַ גרויסע און אַ מוראדיקע ביז ערשט די דעקרעטן פון די וואָיעוואָדעס האָבן זי באַגרענעצט, און ביז דער יידישער המון אַליין האָט זי מיט הילף פון פרעמדע כוחות געבראָכן.

געהערט האָט ר׳ לייבוש, אַז אַמאָל האָבן זיך אַפילו די רבנים געמוזט אונטערגעבן דער הערשאַפט פון די פרנסים און דער גאון, ר׳ מאיר בן גדליהו מלובלין, דער באַרימטער מהר״ם, האָט געמוזט פאַרלאָזן לעמבערג, ווען עס האָט דאָס געפאָדערט דער פרנס ר׳ אברהם שרענצעלס כהן-ראַפּאָפּאָרט. ר׳ לייבוש האָט אין זיך דער-שפירט דעם כוח פון די אַמאָליקע פרנסים און האָט באַשלאָסן צו באַנייען זייער אַמאָליקע מאַכט און ברעכן די חוצפה פון די ווידער-שפעניקע. און דער געהילף-וואָיעוואָדע, דער פראָקוראָר!? אויך פאַר זיי האָט ער נישט מורא געהאַט און מיט אַ רויק געפיל וועגן זיינע כוחות איז ער האַסטיק איינגעשלאָפן. ווי אַ דערצערנטער לייב, וועלכער עטעמט מיט נקמה אין אַ ווייטן, פינצטערן וואַלד.

— — — — — — — — — — — — — — —

אויפצומאָרגנס האָט מען זיך שנעל אָפּגעפּאַרטיקט מיטן דאַוונען. הקפות האָט מען געמאַכט בלויז זיבן, די ספרי-תורה האָט מען געגעבן נאָר עלטערע, קיין יינגלעך האָט מען קיין ספרים נישט געגעבן. עס זענען נישט געווען קיין טענץ, קיין געזאַנגען, נישט קיין פריילעכקייט. „מען דאַרף פאַסטן פערציק טעג און ווער ווייסט, אויב עס וועט וועד נישט שטאַרבן צוליב דער דאָזיקער עבירה״.

נאָכן דאַוונען האָט ר׳ לייבוש פונאַנדערגעשיקט שמשים און גערופן די פרנסים מיטן רב אויף אַ דין-תורה אויף נאָכמיטאָג. ווען מ׳האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אין יום-טוב טאָרן קיין דין-תורהס נישט פאָרקומען, נישט לויטן יידישן דין און נישט לויטן פוילישן געזעץ,



**14.** די מצבות פון פיר קראָקעווער רבנים אויף דעם אלטן בית־עולם (פון רעכטס צו לינקס): 1. ר׳ העשיל, נפטר 1663; 2. ר׳ אריה־ליב, נפטר 1671; 3. ר׳ יהושע בן יוסף, בעל המחבר ספר פני יהושע, 1648; 4. ר׳ יצחק הלוי, נפטר 1799 (די פאָטאָגראַפיע האָט געלאָזט מאַכן הער חיים פרײליך).



15. פּרוכת פון דער הויכער שול אין קראָקע, אַ נדר־
פון ר' יחיאל־מיכל בן פלטיאל און זיין ווייב מירל אין
דעם יאָר 1642 (ת"ב). דער שפּיגל פון דעם פּרוכת
איז גרין.



16. פּרוכת אין פּערפּאַרזש מיט דריי פּוילישע אָדלערס. לויט
מסורה שטאַמט דאָס פּרוכת פון אַ פאָן פון אַ פּוילישן רעגימענט
אין דער תקופה פון נאַפּאָלעאָן. דאָס פּרוכת האָבן מנדר געווען
אין דעם יאָר 1832 דאָרפישע ארענדאַרעס, וואָס ביי זיי האָבן
עס איבערגעלאָזט די זעלנער.

האָט ער דערויף גאָרנישט געענטפערט, נאָר געטון זיינס. ר׳ אלין האָט ער צו דער דין-תּורה נישט געבעטן.

אַ געדענקבאַרער „זמן שמחתנו” איז דאָס געווען פאַר דער יידישער קהלה. באַלד נאָכמיטאָג זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין דער קהלס-שטוב לעבן דער שול די מנהיגים פון דער קהלה. בּראש איז געזעסן דער רב און לעבן אים זענען לויט דער ריי געזעסן די זקני-העיר: ר׳ ישראל בן יוסף, ר׳ זלמן בן אלי, ר׳ אהרן פון דראָהאָביטש, ר׳ מרדכי בן ברוך, ר׳ אַנשיל בן יעקב, ר׳ יוסף צימעלעס, ר׳ ברוך בן מענדיל, ר׳ יואל בן משה און ר׳ אפרים בן אברהם.

ר׳ לייבוש האָט גענומען דאָס וואָרט און, פאָרשטעלנדיק דעם גאַנצן ענין, האָט ער געפאָדערט צו באַשטראָפן אלין. עס האָבן זיך אָפּגערופן שטימען פאַר און קעגן. אייניקע האָבן בכלל אין אליס אויפ-פירונג קיין שום שלעכטס נישט געזען. „ער האָט פאַרטיידיקט דאָס ייִנגל און אים נישט געלאָזט באַליידיקן”.

ר׳ לייבוש איז אָבער נישט אָפּגעשטאַנען. „אלי איז קיינמאָל קיין גראָשן נישט ווערט געווען און אויך היינט איז ער קיין גראָשן נישט ווערט. איר מיינט, אַז איך האָב צו אים טענות גלאַט אַזוי, אָן אַ שום סיבה? ער איז דער שולדיקער אין אַלע אומגליקן פון דער קהלה. ער קריכט צו די באַאַמטע און גיט זיי איבער אַלע קהלישע סודות. דערפון שטאַמען אַלע באַפעלן פון אָרלעווסקין, אַז מ׳זאָל אָפּגעבן דין-וחשבון פונם קהלה-געלט, וואָס מען האָט געטון דאָ און דאָרט. דען אַנדערש, פון וואַנען וואָלט אַזאַ פאַרשוין געוווּסט, וואָס עס טוט זיך ביי אונז? און אָט זעען מיר, ווי מענטשן ווילן זיך אונז נישט הערן, שטענדיקע טענות, שטענדיקע אָנקלאַגן, איר אַליין גראָבּט אַ גרוב אונטער דער קהלה, איר מאַכט זי אַליין אומגליקלעך”. לאַנג האָט ר׳ לייבוש גערעדט און וואָס אַמאָל איז ער אַלץ מער געוואָרן אויפגעהיצט. האָבן אַלע פרנסים געהערט און מורא געהאַט זיך אים אַנטקעגנצושטעלן. דערנאָך האָבן זיך אָבער ווידער די מיינונגען געטיילט, ביז דער רב האָט ענדלעך געשטעלט דעם ענין צו אָפּשטימונג. עס איז באַשלאָסן געוואָרן פאָרלויפיק צו פסלען ביי אלין דאָס אַמט פון אַ פרנס-הקהל, ביז עס וועט אַרויסגעגעבן ווערן אַן ענדגילטיקער פסק.

באַלד איז ר׳ לייבוש אַרויסגעלאָפן פאַר דער שול און, נישט

פאַרשטענדיקנדיק זיך מיט פרנסים פון דער פאָרשטאָט – ווי עס איז געווען פאָרגעשריבן – האָט ער די שמשים געהייסן פובליקירן איןביידע גרויסע שולן פאָלגנדן פסק:

„עס איז פאַראַן ביי אונז אַ גרויסער חרם אויף די, וועלכע גיבן אַרויס די סודות פון דער קהלה, און ווייל אלי אַבלאָוויטש האָט דאָס געטון און האָט דעם פרנס-החודש געזידלט, נעמען מיר ביי אים אָפּ דאָס רעכט פון אַ פרנס-הקהל און נאָך יום-טוב וועט וועגן אים אַרויס-געגעבן ווערן אַ צווייטער דעקרעט".

כדי זיין קעגנער נאָך מער צו דערצערנען האָט ר׳ לייבוש צונויפ-גענומען אַ באַנדע בעל-עגלהס און זיי געהייסן אונטער די פענצטער פון אלין דעם דאָזיקן פסק הויך אויסשרייען.

דאָס איז געווען דינסטיק, דעם 7טן אָקטאָבער 1766.

צומאָרגנס איז אלי מיט זיינע אָנהענגער אַוועק אין קאַמפּיאַנס הויז, ווו עס האָט אַמטירט דער געהילף-וואָיעוואָדע, און דאָ פאַרן אַמט גע-שילדערט אַלץ, וואָס האָט קעגן אים באַגאַנגען ר׳ לייבוש, ווי אַזוי ער האָט געלאָזט אום יום-טוב אַרויסגעבן אַ פסק און געשיקט אונטער זיינע פענצטער די בעל-עגלהס און געהייסן זיי דעם פסק אויסשרייען. פאַר די זלזולים פאָדערט ר׳ אלי פון דעם שופט, ער זאָל ר׳ לייבושן פאַרלאָדן פאַר זיין געריכט.

אָרלעווסקי האָט מיט דער זאַך לאַנג נישט געוואַרט און אויף צוויי טעג אַרום, ד. ה. אויפן 10טן אָקטאָבער, באַשטימט דעם טערמין פון דער געריכטס-פאַרהאַנדלונג. ביידע צדדים זענען געשטאַנען: קהל און דער רב זענען געווען די אָנגעקלאָגטע, וועגן זייער טעטיקייט און דעם אויבנדערמאָנטן פסק.

דער פראָקוראָר אולאַנאָווסקי האָט איבערגעלעזן די באַשולדיקונג און נאָך אַ עטלעכע-שעהדיקער באַטראַכטונג האָט דאָס געריכט אַרויס-געגעבן פאָלגנדן אורטייל:

„אלי אַבלאָוויטש, אָפּקומענדיק פאַר זיין טאַט, דאַרף ער צו באַצאָלן ר׳ לייבוש באַלאַבאַן צען פוילישע גריוונעס און דעם געריכט העלפט פון דער דאָזיקער סומע, און אַחוץ דעם ר׳ לייבושן מיט זיינע חברים איבערבעטן.

ר׳ לייבוש באַלאַבאַן, ווידער, דערפאַר וואָס ער האָט אלי אַבלאָוויטשן, וועמעס אבות-אבותיו האָבן דאָ געוווינט, מיט זייער גראָבע ווערטער געזידלט און אַ טומל אַרויסגערופן, דעסגלייכן

דערפאַר, וואָס „זייענדיק זעלבסט דער אָנקלאָגער, האָט ער אונטערגעשריבן אַ פסק אין דער אָפּוועזנהייט פונם אָנגעקלאָגטן און נאַכהער נאָך געהייסן דעם פסק פאַרעפנטלעכן, מיטן צוגאָב, אַז אַלע גיט ארויס סודות פון דער קהלה", זאָל אין אַ וואָך אַרום איינגעזעצט ווערן אינם טורם פון דער שטאָטישער שול, ווו ער זאָל זיצן צוויי טעג און נעכט, און נאָכן אָפּזיצן — אַלין מיט זיינע שכנים איבערבעטן.

די ראשי־הקהל, ווידער, דערפאַר, וואָס, קעגן געזעץ און די דעקרעטן פונם וואָיעוואָדע, האָבן זיי בײַ אַלין אַוועקגענומען דאָס רעכט פון אַ פרנס־הקהלה און דערצו נאָך צונויפגערופן דאָס בית־דין אין יום־טוב, אויף וואָס זיי האָבן קיין שום ערלויבניש נישט באַקומען און אויך דערפאַר, וואָס זיי האָבן געלאָזט אויסרופן אין די שולן מער פון דעם, וויפל זיי האָבן זיך אויסגעדריקט אינם פסק, זאָל יעדער פון זיי, נאָכדעם, ווי ר׳ לייבוש וועט אַרויס פון טורם, איינער נאָכן אַנדערן, אָפּזיצן דאָרט צו איין טאָג פון זון־אויפגאַנג ביז אָוונט (אויסער שבת).

דער רב, כאָטש ער האָט אויך פאַרדינט אַ שטראָף, ווערט צוליב זיין עלטער באַפרייט. עס ווערט אים אָבער דערמאָנט, אַז ער זאָל אַזעלכע דעקרעטן פון דערווייטערן פרנסים פון דער קהלה נישט וואַגן מער אַרויסצוגעבן, נישט אָנפרעגנדיק פריער דעם געהילף־וואָיעוואָדע.

דאָס אַלץ ברויכן אַלע צדדים ערפילן, און דעם, וועלכער וועט זיך דעם דאָזיקן דעקרעט אַנטקעגנשטעלן, דראָט אַ קערפערלעכע שטראָף".

וואָס אָנבאַטרעפט דאָס יינגל באָגדיס, ווערט זיין ענין איבערגעשיקט צום געהעריקן בית־דין, וועלכער דאַרף אַרויסגעבן זיין ענדגילטיקן פסק וועגן אים אויפן סמך פונם דאָזיקן דעקרעט.

אַרויסגעגעבן אין לעמבערג, אין מיין רעזידענץ, דעם 10טן אָקטאָבער 1766".

אונטערגעשריבן: יוזעף אָרלעווסקי.

— — — — — — — — — — — — — — —

דער דאָזיקער דעקרעט האָט צעשמעטערט די מאַכט פון דער קהלה און צונישט געמאַכט די פלענער פון ר׳ לייבושן.

ר׳ לייבוש האָט אַריינגעטראָגן אַן אַפּעלאַציע צום וואָיעוואָדע;

דער געהילף־וואָיעוואָדע האָט די דאָזיקע אַפּעלאַציע אָנגענומען.

צי האָט ער מיט איר עפּעס אויפגעטון? וועגן דעם שווייגן די אַקטן, גלייך ווי זיי שווייגן פון דער ווייטערער אַרבעט פון ר׳ לייבושן. זייט דאַן איז זיך ביזן סוף פון דער קאַדענץ רויִק געזעסן אין זיין אַמט איינער פון לעצטע פרנסי־החודש אין דער צייט פון דער פוילישער מלוכה.

---